STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06030

EYBIK BLYEN VET DER TROYM

Nahum Bomse

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייביק בליען וועט דער טרוים

נחום באמזע

אייביק בלייעז
ווצט דער טרוים

אריינפיר=וואָרט: ה. לייוויק

ניו-יאָרק
1955

EIBIK BLYEN VET DER TROIM

by Nahum Bomze

Published by
FRIEDA ERNST
76 Irving Place, New York 3, N. Y.

הילע: איליא שאר

בילד געצייכנט פון אנא וואלינסקא

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the United States of America by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.
253

מיט מיין טיפער ליבשאַפט צו נחום
באָמזע גיב איך אַרויס, צו זיין ערשטן
יאָרצייט, זיינע לעצטע איבערגעבלי־
בענע לידער.

פ ר י ד א

אינהאַלט:

ה. לייוויק: טרויער און טרוים 9
אייביק בליען וועט דער טרוים 15
איך בין מיד און אומעטיק 16
זון־פאַרגאַנג אין שטאָט 17
אַלע בריקן זענען מיד 18
איך טראָג שוין העלע הויזן 19
מיינע עלטער־זיידעס און זיידעס 20
אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד 21
אַ תפילה 22
מיינע יונגע פריינט מיט די גרויע קעפּ 23
אָ, פריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו־יאָרק 25
די עובר־בטלניצע 26
גיב מיר גאָט 27
אין מיטן טאָג 28
די פליג 29
מיין מאַמע איז טויט 30
אַ קינד אין מיטן גאַס 31
פּשיטיק 32
דער מידער טאַטע טראָגט זיין זון 33
איך ווייס הייַנט אַלץ 35
דער טאָג איז דער זעלבער 37
אינעם גאָרטן פון מיין שכן 38
אויף די שפּיץ בערג 39
אַ רעגנבויגן 40
לאָמיר פאַרלאָזן 41
שרעק 42
מערץ 43
האַרבסט אויף טיימס סקווער 44
שטיל־לעבן אויף טיימס סקווער 49
לאָמיר זיך איינשפּאַנען 50
אין אַ פינסטערער איליצע 52

טרעפט אַמאָל אַ רגע....................... 53
אין אַ נאַרישער קראָם........................ 54
מיט אַ שמאָלער סטעזשקע....................... 55
ביים סוף פון אַלע סופן........................ 56
הינערפלעט 57
אויף לאָנג־איילאַנדער ערד....................... 58

כינעזישע פּליִט

טשונג טסע, איך בעט דיך........................ 61
טו פו : דאָס אָפּגעברענטע הויז..................... 62
וואַנג־סענג־יו : די פאַרלאָזטע..................... 64
הונגער 65
אָפּגעטרייסלט שוין די פלומען..................... 66
לי טאי פּאָ : אויפן ברעג פון יאַ־יע..................... 67
דער בושל........................... 68
טו־פו : ליד צו לי טאי פּאָ..................... 69
טשאן יאָ סו : נאַכט־בילד..................... 70
טסי־טאָאָ : אַ שפּרוך פאַר דער שלאַכט..................... 71
לי־אַ־עי : געזעגענונג..................... 72

איבערזעצונגען

אַדאַם מיצקעוויטש : צו...(מארילאַ)..................... 73
ולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי : צו די פּוילישע יידן..................... 75
יוליאַן טובים : נישטאָ קיין לאַנד..................... 76
יוליאַן טובים : נסיעה..................... 77

מיין פעטער דער לאַנדשטורמיסט..................... 81

טרויער און טרוים

געוואָרן אַ יאָר זינט ס'איז אַזוי פּריציייטיק אַוועק פון אונדז דער אײדעלער דיכטער נחום באָמזע עליו השלום.

און אָט — איינגעהילט אין טרויער־ליכט פון די צוויי ווערטער: עליו השלום — קומט צו צום פאַרמעגן פון באָמזעס דיכטונג דאָס איצטיקע בוך זיינס „אייביק בליען וועט דער טרוים" — דער באַשיי־דענער איבערבלייב לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין משך פון זיינע לעצטע יאָרן דאָ אין אַמעריקע, נאָכן דערשיינען פון זיין זאַמלונג „אַ חתונה אין האַרבסט". אינעם בוך קומט אויך אַריין אַ צאָל איבערזעצונגען, דערהויפּט פון אַלט־כינעזישער ליריק, וואָס האָט פון שטענדיק טיף אַפּעלירט צו באָמזעס געמיט, און אַ דערציילונג וואָס באָמזע האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַז מען זאָגט בוך דאַרף עס ניט מיינען דווקא פּילצאָליקייט פון זייטן. עס קען מיינען אפילו ווען די צאָל זייטן איז קליין ווי אין דער איצטיקער זאַמלונג. ביים אמתן דיכטער איז דער עיקר פון זיינע לידער זייער איכות.

און אין איכות — אין דיכטערישער דינקייט און איידלקייט, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען די הויפּט־צייכנס פון באָמזעס ליד — איז דאָס איצטיקע בוך אין פולן הסכם מיט דעם דיכטערס גאַנצן וועזן — מיט דער טרויער־דורכגעלויכטנקייט, וואָס האָט אים באַגלייט אויף אַלע וועגן פון זיין, פלוצלינג איבערגעריסענעם, לעבן.

אויף די וועגן פון זיין לעבן, אונטערן ליכט פון אָט דער טרויער־באַגלייטונג, איז ער געגאַנגען אַ שטילער און אַן איינגעהאַל־טענער, אַ באַוואוסטזיניק שוויגנדיקער. זיינע ליפּן זיינען מערסטנס געווען פאַרמאַכט, שטייף פאַרמאַכט, אָבער אינערלעך איז ער געווען וואַך און פלאַטערדיק — דורכגענומען מיט די אַנגסטן און יסורים וואָס דער גורל האָט אָנגעטראָגן אין זיין האַרץ דעם אָנגעליטענעם — דעם שטאָלץ איינגעשלאָסענעם. זיין גורל: — דאָס לעבן אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות; די וואַנדערונגען אין די קאַטאַסטראָפישע יאָרן איבער סאָוועט־רוסלאַנד און איבער אייראָפּע; דאָס קומען קיין

אַמעריקע און דאָס זוכן ס׳באַגערטע ביסל רו. דער גורל האָט אים אויך דאָ אין אַמעריקע צו דער געגאַרטער רו פון לעבן ניט דערפירט. ער האָט אים יאָ געבראַכט צו דער אייביקער רו.

די לידער פון דער איצטיקער זאַמלונג — די באַשיידענע ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט — זיינען אין זייער אויסגעשפּראָכענער, ראַפינירטער טרויעריקייט אַ נאַטירלעכער אָפּשלוס פון זיינע פריערדיקע לידער־אויסגאַבעס. אין זיי איז דאָ, כמעט קלאָר, באַמזעס פּאַראַויס־פילן דאָס אָנקומען פון זיין לעצטקייט אויף אונדזער ערד. אַ פּאַראויס־פילן און — אָן אָננעמען די אומפאַרמיידלעכקייט פון זיין לעצטקייט מיט דער שוייגעוודיקייט און איינגעהאַלטנקייט וואָס זיינען געווען אין זיין טבע, הגם אונטער זיין שווייגעוודיקייט האָבן זיך געצאַפּלט אַ סך אויסגעשרייען, אָפּטמאָל אפילו שטורעמס, און איבער אַלעם — אַ שאַר־פער הונגער צום לעבן.

איך בין געוויס ניט אויסן צו געבן דאָ אַ פולע אָפּשאַצונג פון די לידער וואָס גייען אַריין אין דער איצטיקער אויסגאַבע. איך האַלט אַז מען דאַרף עס בכלל ניט טאָן אין פאָררעדעס. די שוועל, איבער וועל־כער מען דאַרף אַריינגיין אין אַ דיכטערס ניי לידער־הויז, דאַרף מען צופיל ניט פאַרלייגן. די טיר דאַרף זיך פריי עפענען פון זיך אַליין.

די עטלעכע ווערטער, וואָס איך שרייב דאָ, זיינען דעריבער ניט קיין פאָראויסיקער אָפּשאַצערישער אַריינפיר. די לידער ריידן פאַר זיך אַליין. מיינע ווערטער זיינען נאָר אַ מינימאַלער אויסדרוק פון דער אַכטונג וואָס איך האָב געהאַט צו נחום באַמזע — דעם דיכטער און דעם מענטש. איך האָב אויך שטאַרק געשעצט די פריינטשאַפט וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך צו מיר אויף זיין כאַראַקטעריסטישן איינגע־האַלטענעם שטייגער.

אין די יאָרן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דענווער סאַנאַטאָריע, האָב איך זיך געהאַט גוט באַקענט מיט באַמזעס אַן עלטערן ברודער, וואָס איז דאָרט געלעגן אַ פאַטאַל־קראַנקער אויף טובערקולאָז. ער איז געווען אַ פריינד פון נתן ניומאַן, דער העלד פון מיין „באַלאַדע פון דענ־ווער סאַנאַטאָריע״. באַמזעס ברודער, ווי נתן ניומאַן, האָבןביידע אין איין יאָר פאַרענדיקט זייער חשבון מיט דער וועלט. כ׳האָב זיי ביידן באַגלייט צום דענווערער בית־עולם.

באַמזעס ברודער האָט מיט מיר ניט איין מאָל גערעדט וועגן נחומען, וואָס האָט דעמאָלט, ביי זיין דיכטערישן אָנהייב, געוואוינט אין וואַרשע. אין דעם ברודער׳ס רייד וועגן באַמזען זיינען געווען אַ סך בענקשאַפט און אַ סך זאָרג וועגן דעם פּאָעט.

איך האָב עס באַמזען, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, דער־ציילט. באַמזע האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געוואוסט וועגן מיינע דענווערער וויזיטן צו זיין ברודער. דער ברודער האָט צו אים אין בריוו געשריבן וועגן דעם. באַמזע איז, בשעתן ריידן מיט מיר וועגן זיין ברודער, געווען שטאַרק אויפגערודערט. זיין פּנים איז פול געווען מיט ניט אַרויסגעזאָגטן צער און מיט שטילער דאַנקבאַרקייט פאַרן איבערעס וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן צו זיין ברודער. ער האָט אַ זאָג געטאָן: איך דאַנק אייך פאַר באַגלייטן מיין ברודער צו זיין אייביקער רו. — ער איז נאָכדעם געבליבן זיצן אין אַ פאַרצויגענער טרויער־שווייגעניש, כמעט ווי אין אַ פאַרשעמונג. ער איז מיר טיף נאָענט געוואָרן.

כמעט יעדעס ליד אין דער איצטיקער אויסגאַבע איז אונטערן צייכן פון באַמזעס דינעם טרויער. ער זאָגט: „אַלע מיינע קליידער זיינען אָנגעטאָן אין טרויער". דאָס ערשטע ליד הייבט זיך אָן גלייך מיט די שורות: „ווי אין אַ שטאָם־בוך אויף אַ היימישן טיש שרייב איך אַריין מיין ליד פון טרויער". און ער זאָגט: „אייביק בליען וועט דער טרויער" מיטן זעלביקן אָטעם ווי ער זאָגט: „אייביק בליען וועט דער טרוים".

אי זיין טרויער אי זיין טרוים בלייבן אין דער אייביקייט.

ה. לייוויק

מאַי, 1955

אייביק בליען וועט דער טרוים

אייביק בליען וועט דער טרוים

ווי אין אַ שטאָם־בוך אויף אַ היימישן טיש
שרייב איך אַריין מיין ליד פון טרויער
פאַר דיר, פאַר מיר און פאַר די שכנים
און מער נישט פאַר קיינעם:
„רויזן און טוליפּאַנען — וויאַנען
פאַלן וועט די תּפיסה־מויער,
נאָר אייביק בליען וועט דער טרויער".

דאָס ליד איז אַלט, נאָר זיין ניגון
וועט אויך דעם טויט צום שלאָף פאַרוויגן.

די קלעזמער שפּילן שוין צום אָוונט־דעמער,
דער באַס כריפּעט, די פידל וויינט אין אַ געכליפּע.
נאָר איך בין מיד פון דעם אַלטן זמר
און פון דער אָוונט־תּפילה אויף מיינע ליפּן.

„רויזן און טוליפּאַנען — וויאַנען,
פאַלן וועט דער סאָסנע־בוים,
נאָר אייביק בליען וועט דער טרוים".

ווי אין אַ שטאָם־בוך אויף אַ היימישן טיש
שרייב איך אַריין מיין ליד פון טרויער
פאַר דיר, פאַר מיר און פאַר די שכנים
און מער נישט פאַר קיינעם.

איך בין מיד און אומעטיק

איך בין מיד און אומעטיק, אָ גאָט, —
דער טאָג איז פול מיט זון און מיר טוט באַנג,
וואָס איך מוז אַליין נאָך זיין ביי דיר אין שול —
אַ שלעכטער תלמיד אויף דער באַנק.

אַלע האָפּערדיקע ייִנגלעך אַרום מיר
וויסן אַלץ און קענען טיילן יעדע צאָל.
נאָר איך באַנעם נישט, אַז צווייִמאָל צוויי איז פיר,
און דעם צווישנשייד פון אַ באַרג און טאָל.

למאי האָב איך אַזאַ מין פלאַטער־קאָפּ,
נישט צו געדענקען די צאָלן און די מאָס,
נאָר צו טרויערן אויפן זונפאַרגאַנג, באַרג אַראָפּ
פון הימל, צום אָוונטיקן גראָז — —

פון אָנהייב איז געווען די פינצטערניש
און דאַן דאָס ליכט,
און איבער זיי האָט געהויערט דיין געזיכט.
נאָר אויף מיין וועג פון פינצטערניש
צו פינצטערניש —
האָב איך נישט געזען און נישט געפילט
דאָס ליכט.

אָ, גאָט, איך בין שוין גרויס,
נאָר אַלץ פול מיט שרעק — אַ קינד,
וואָס האָט צעבראָכן אַ כלי אינעם הויז
און וואַרט אויף קלעפּ פאַר זיינע זינד.

זון־פאַרגאַנג אין שטאָט

צווישן דער נײַנטער און צענטער גאַס, אין שטאָט,
פֿאַרנאַכט, איז די זון געהאַנגען —
אַ ריזיק ראָד,
נאָענט צו דער ערד.
און ס'איז געשען, וואָס גראָד אין דער רגע אימה
האָבן אַלע טויערן זיך אויפֿגעמאַכט,
און מענטשן אין גערינג זענען געלאָפֿן צום וועג
פֿון זייערע היימען.

נאָר איך און מײַן טרויער און אַ קינד אין גאַנג
האָבן באַוואונדערט דעם מאָדנעם זון־פֿאַרגאַנג.

אין דער רגע דויער, ווי אין לאַנגע יאָרן,
בין איך אַזוי געשטאַן —
ביז איבער דער עוועניו די אויבער־באַן
איז די זון איבערגעפֿאָרן.
געטויט און אַוועק, און שוין נישטאָ
די זון אין שרעק פֿון אָוונט־שעה.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נאָך געקלערט
וועגן טויט פֿון דער זון אויף דער ניו יאָרקער ערד.

אַלע בריקן זענען מיד

אַלע בריקן זענען מיד פֿון הענגען
איבער די וואַסערן און בענקען
צו די גרונטן פֿון דער ערד.

אַלעביימער זענען מיד פֿון וואַקסן
און בענקען, אַז די שטורעם־שלאַקסן
זאָלן זיי וואַלגערן אויף דער ערד.

אַלע הייזער זענען מיד פֿון זייערע דעכער
און וואַרטן אויף אַ ציטער־פּעכער
פֿון דער ערד.

איך בין אויכעט מיד און וואָלט װעלן
אין מיטן טאָג דעם העלן
אַנידערפֿאַלן אויף דער ערד

נאָר די ערד אַליין וויל זיך אויפֿהייבן
אַרויף צו די הימלען אויבן —
העכער פֿון דער ערד.

איך טראָג שוין העלע הויזן

איך טראָג שוין העלע הויזן, אַ טונקל רעקל
און א געשטרייפטן קראַוואַט.
נאָר אַלע מיינע קליידער זענען אָנגעטאָן
אין טרויער.

פאַר מיין טויער לויערן אַלע שרעקן
פון דער נאַכט.
פון אַלע מיינע גענג, אין דער ברייט און לענג
בין איך מיד און מאַט
און וויל זיך אויסטאָן פון מיין קליידער־האַפט.
נאָר דער סאָסנע־בוים אין פאַרנאַכט,
וואָס שטייט אין חלום פאַר מיין פענצטער,
און אויפן גראָז די קראַסע קו —
טראָגן אין זיך נאָך אַלץ די רו
פון מיין היימישן וועלט־באַשאַף.

מיינע עלטער־זיידעס און זיידעס

מיינע עלטער-זיידעס און זיידעס אין גן עדן
פון יענער וועלט, לויבן גאָט:
וואָס דו האָסט אונדזער אָטעם פאַרשניטן אין צייט
און מיר האָבן נאָך געהערט דאָס געוויין
פון קינדער, קינדס-קינדער און שכנים,
און גערוט אין אַן ערדישן קבר,
ווען די ערד איז געווען נאָך ערד.
הללויה דיר, גאָט, —
הללויה דיר גאָט, —
מיר האָבן געלעבט אין גן עדן אַמאָל
אין זכות פון די יידן אין ערדישן טאָל.
הללויה,
דער הימל איז דיינער,
און מיר מוזן דיך לויבן,
נאָר ס'וואַרגט אונז די בענקשאַפט אויבן
נאָך דער ערד, —
דער חרובער היימישער ערד.

אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד

אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד, צווישן טיפֿע גראָז,
געפּיטערט די פֿייגל, די וועווריקעס, די פּיש ביים ברעג,
און געזען פֿונדערווייט דעם געיעג פֿון האָזן
מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן פֿון פּאַרכטיקער שרעק.

אַ גאַנצן טאָג אַליין געשוויגן און קינדיש געלאַכט
צום וואַלד, צום באַרג, צום טייך — און מיטאַמאָל
דערפֿילט, ווי ביים זון־פֿאַרגאַנג אין טאָל,
מיט אַ מעסער גרייט וואַרט די נאַכט.

און בין אַוועק אין מיין נאָרע,
ווי די יונגע האָזן,
אין דער שעה דער שפּעטער, נאָכן זון־פֿאַרגאַנג.
אָ, וויפֿל לעבנס האָב איך אין וואַלד צעטרעטן
אויפֿן וועג אַהיים אין מיין אָוונט־גאַנג. —

אַ תפילה

גאָט, שיכור זיך נישט אָן.
דו פירסט דאָך אַזויפיל מענטשן
אויף דיינע בוידן,
דורך פינצטערע וועלדער,
דורך שאָלקהאַפטיקע חיות,
דורך בייזע עקדישן.
ס׳איז פאַרנאַכט —
די וואַסערן ווילן אַרויס
פון די ברעגעס
און דיין בייטש סוויסטשעט
איבער אונדזערע קעפּ.
זיי ניכטער, גאָט,
ווייל איך האָב מורא — — —

מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ

געווידמעט די יידישע דיכטער
אין ניו יאָרק

מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ
האָבן ווייבער, קינדער און אייניקלעך אפילו.
נאָר דער טרויער קומט צו זיי דורך אַלע טרעפּ

און שעפּטשעט שטיל פאַר זיי די אָוונט-תפילה.
זייערע אויגן — גלי-ווערים אין אָוונטיקן גראָז —
ווערן אָפטמאָל טרויעריק אָן אַ פאַרוואָס.

אין מיטן העלן טאָג ביי דער מאַשין,
דערפילן זיי דעם ריח פון פייכטן גרינס
און בלייבן שטיין לעמישקעוואַטע פאַרזאָרגט
אין מיטן גרויסן טומל פון ניו יאָרק.

מיינע יונגע פריינט בלייבן אָפט אַליין
און דאַרפן ווערים-פלעצלעך פאַרן בענקען.
זיי זענען טרויעריק — זיי קרענקען
פון ליבשאַפט צו דער חרובער היים.
זיי גיבן אָפטמאָל זיך אַליין אַ נדר,
זיך אויסצוטאָן פון אַלע נייע קליידער.

אין חלום שווימען זיי אין טייכל ביי דער יאַטקע
און כאַפּן ביי די בינען אוים די שענסטע מאַטקע.
מיינע יונגע פריינט שטייען שטיל, פאַרקלערט:
האזינו — פאַרנעמט, שמים — איר הימלען,
והארץ — דו ערד!

זיי שפּאַצירן אויף די גאַסן פון דער איסט סייד
און רעדן נאַרישע יינגל-רייד :
ויתן לך — קיין געלט איז נישטאָ,
מטל השמים — נישטאָ ווו צו לייען.
מיינע יונגע פריינט מיט די גראָע קעפּ —
געווינען אין חלום די שענסטע פּערלמוטער-קנעפּ.

אַ, פריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק

אַ, פריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק,
איבער אַלע גאַסן, עוועניוס און סקווערן,
אין מיטן טאָג דעם העלן
לאָמיר זיך אָפּשטעלן
און באַערן
די לוויה פון אַ מענטש
איציע קלמן —
דער עלטסטער פון אַ ברענטש,
אויפן וועג צום הר כרמל בית עלמין.

אַ, וויפל טרויערן ער האָט אויסגעטרויערט
איבער שטעט, לענדער און ימען.
אַ, וויפל טויטן האָבן אויף אים געהויערט
אין יעדער רגע פון אַ שעה, אין יעדער שעה פון מעת לעת,
אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק.

איז לאָמיר שווייגן פאַר זיין אָרון,
פאַר די אָפּגעלעבטע ניינציק יאָרן
פון דעם מת
איזי טשאַרלס (פון דער היים — איציע קלמן)
אויף זיין וועג צום הר כרמל בית עלמין.

אַ, פריינט מיינע, אין גרויסן, רוישיקן ניו יאָרק,
לאָמיר תפילה טאָן, אַז ס'זאָל דעם טויטן זיין באַשערט,
אין דער לעצטער רגע דורך ניו יאָרקער וועגן
אָן אַ מכשול דורכצוגיין זיין לעצטן גאַנג צו ערד.

די עובר בטלניצע

גיטעלע, די זקנה פון ניינציק יאָר,
גייט אַרום אין חלום ווי אויף דער וואָר.
זי שפּילט זיך מיט טשייכן ביי דער באָד
און וויל אויכעט טרעפן: אום צי גראָד?
זי שפּאַנט איבער געסלעך שלינג און שלאַנג
און זאָגט, אַז אַ שטראַל פון זון איז אַ זאַנג,
וואָס מ׳קען אויסמלויצען, ער זאָל ווערן ברויט,
אַלעמען צו האָדעווען, להכעיס דעם טויט.
גיטעלע, די זקנה, ווערט אַמאָל אויך פאַרשייט:
מאַמעלעך, לאָמיר שפּילן זיך אין אַלטע לייט!
לאָמיר חתונה האָבן, געבירן קינדערלעך אַ סך
און אויסבייטן אויף אַ זומער־טאָג די ווינטער־נאַכט.
זי פאַרטשעפּעט אַ ייִנגעלע: ווער ביסטו, ווער,
צאַפּ־צי־בע, צי לעקיש בער?
זי קנייפּט אים אין בעקל: איך האָב דיך האָלד,
און טיילט אים בלאָטע, עלהיי ס׳איז גאָלד.
גיטעלע, די זקנה, וואָס זשיפּיעט קוים,
גייט אַרום אויף דער וואָר ווי אין טרוים.

איך האָב היינט פּלוצים פון איר זיך צעלאַכט —
זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר אַזאַ מין זאַך.

גיב מיר, גאָט

גיב מיר, גאָט, די קלאָרקייט און דעם מיין,
וואָס זאָל אויסגעשליפן זיין — אַ מעסער־שאַרף —
צו קענען זאָגן מיין שכל, ווען מען דאַרף —
אַ העלן יאָ און אַ טונקעלן ניין!

אין מיטן טאָג

אין מיטן טאָג דורך מיין דרימל
האָט מיין טאַטע גע׳חלומ׳ט אַ חלום
פון אַן אויסגעשטערנטן הימל.
זיך אָנגעכאַפּט אין מיין שלאָף —
אַ אינגל אויפן הינטערשטן דישל
פון וואָגן —
און גענומען קלאָגן:
ער האָט מורא פאַר זיין באָרד
אין אַ וועלט פון געגאָלטע באַקן.
ער וואָלט זיין טלית און תפילין וועלן פאַרפּאַקן
און פון יענער וועלט קומען אַהער —
האָט ער מורא פאַר די הינט
אויף דער ערד.

וואָס-זשע זאָל איך טון מיטן חלום
פונם טאַטן דורך מיין דרימל,
אַז איך ציטער אַליין — אַ האָז
פאַרנאַכט
צווישן באָדיקעם און גראָז — — —

די פליג

די פליג, וואָס איז געבוירן היינט אינדערפרי,
האָט איר קרייז פאַרמאַכט פאַרן זון־פאַרגאַנג.
איך האָב געהערט איר זשום, געזען איר פלי,
אין שעה׳ן איינציקע פון איר לעבן־לאַנג.

די פליג איז טויט. נאָר איר בלאָער זשום
נאָך אַ טאָג־געיעג, האָט מיט דער אָונט־רו
פאַרפילט מיין שטוב און טראָגט זיך אַרום
מיט מיין תפילה צום באַשעפער, ברוך הוא.

מיין מאַמע איז טויט

מיין מאַמע איז טויט שוין יאָרן לאַנג
און וואַקסט אויף פרעמדע פעלדער אַ קאָרן-זאַנג.
נאָר אַמאָל, אין רעש און רויש פון גאַס,
הער איך אַ שטים, ווי פון אַ פאַרדומפּטן פאַס:
„ער שפּאַנט אין פרעמדע שטעט שלינג און שלאַנג,
און אינדערהיים ליגט זיין מאַמע מסוכן קראַנק" — — —
איך לויף אַוועק אין שרעק. נאָר דורך אַלע וועגן
קומט מיר אַ הויכער מאַן אַנטקעגן,
און פון זיין שוואַרצער פעלערינע
גייט אויף דער ריח פון מעדיצינען — — —

אַ קינד אין מיטן גאַס

אַ קינד אין מיטן גאַס האָט צו מיר געגעבט:
האָר, פיר מיך צו יענער זייט טראָטואַר!
האָב איך דאָס קינד געפירט — אַ היטער
דורך דעם שטראָם פון אַ געוויטער, —
נאָר איך אַליין, אין פיבער,
האָב דעם רויש נישט געקענט אַריבער.
האָר, איך האָב אויכעט מורא פאַרן רומל,
פיר מיך אַריבער צו דער רו —
אויף יענער זייט טומל.

1953

פשיטיק

לעצטע שעה גענענט
אויף שקיעה־האָריזאָנט.
פון מיין שטוב די ווענט
האָב איך נישט דערקאָנט.

אין מיין שטוב די ווענט
זענען רויט נישט בלאָ,
צייל איך די מינוטן
פון מיין לעצטער שעה.

אין מיין אייגן הויז
לויערט טיפע שרעק, —
שאַרפן מיינע שכנים
ווייסע, בלאַנקע העק.

ווייסע, בלאַנקע העק
אין שקיעה׳דיקן רויט —
הינטער בלאָע ווענט
וואַרט דער שוואַרצער טויט.

.1938

דער מידער טאַטע טראָגט זיין זון . . .

דער מידער טאַטע טראָגט זיין שלאָפנדיקן זון
און ס׳גלאַנצן די טראָפּנס אויף די שטערן.
דער מידער טאַטע טראָגט זיין שלאָפנדיקן זון
און וויל אַליין אַנטשלאָפן ווערן.

דער קעלער איז ווייט און די מאַמע פון קינד
האַנדלט מיט באָבעס אויף וועגן.
דער טאַטע טראָגט זיין זון און בלינד
קומט די נאַכט אים אַקעגן.

ער שפּאַנט. אין זיין האַנט דער קויש
מיט בייגל און געלע מאַראַנצן.
ס׳קינד איז לייכט, באַלד וועט אין רויש
פון שטאָט דער איד זיך צעטאַנצן.

ס׳קינד כאַפּט זיך אויף און וויינט אינדערנאַכט
דעם חלום פון פוילע מאַראַנצן.
דער טאַטע שפּאַנט. ער זעט און גאַפט:
אין זיין קויש די בייגל גלאַנצן, —

דער טאַטע שרעקט זיך און גיכער פון גיך
שפּאַנט ער דורך די גאַסן און ראָגן.
ער גייט און פילט ווי הינטער זיך
נעמט אים עמיצער יאָגן.

דער טאַטע ציטערט און שטאַמלט פאַרמאַטערט:
— ווער שפּאַנט אין דער פינצטער, מיין קינד?
ס׳קינד כאַפּט זיך אויף: שרעק זיך נישט טאַטע,
ס׳וואָיעט אין גאַס בלויז דער ווינט.

דער טאַטע ווערט שטיל און ס'פּלאַטערט זיין האַרץ
דורך נאַכט, ווינט און רעגן,
דער טאַטע שלאָפט איין און ס'פירט אים זיין זון
אַהיים איבער טונקעלע וועגן...

איך ווייס היינט אַלץ . . .

איך ווייס היינט אַלץ וואָס כ׳שרייב
מיט בלאָער טינט אויף ווייסן פּאַפּיר,
אַ וואָרט צו אַ וואָרט איך שרייב —
באַפּוצונג צו דיין ציר.

איך ווייס היינט אַלץ וואָס ס׳באַדייט
די גרינע לאָנקע, די גראָע מויער ;
דיין טראָפּן בלאָע פרייד
אַנטקעגן מיין שוואַרצן טרויער.

איך ווייס היינט אַלץ און פאַרשטיי
דעם פוילן עפּל און ווייסן צווייט ;
די שוואַרצע קראָ אויפן שניי,
דעם טרויער פון מיין ליד.

איך ווייס היינט אַלץ און באַנעם
דעם האָז, וואָס קוקט דערשראָקן,
די שטילקייט אויף דער ברעם
פון איינגעהויקערטן זקן.

איך ווייס היינט אַלץ און קלער
פונם קינד וואָס האָט געשפּעט,
ווען מיין מאַמעס לעצטע טרער
איז געפאַלן אויף איר בעט.

פון דעם מערדער׳ס ווידוי-געוויין,
פון פאַרליבטע ביי דער טיר
איך ווייס היינט אַלץ און קלער
און גלאַנץ פון לבנה-שיין.

איך ווייס היינט אַלץ און בין
אַ קינד, וואָס לאַכט אין וויגל,
אַ פּאַסטוך מיט זיין פייפל
ביים ראַנד פון וואַסער־שפּיגל.

דער טאָג איז דער זעלבער

דער טייך איז דערזעלבער, דער וואַלד — דערזעלבער,
און דער הימל איז הויך און בלאָ.
נאָר די יידן פאַר די געוועלבער
זענען שוין מער נישטאָ.

אָט איז דער הויף און אָט דער ברונעם,
דאָס וואַסער דאָרט איז קאַלט און קלאָר.
נאָר איך קען אַלץ נישט געפינען
פון מיין היים קיין שפור.

אָט איז דאָס הויז. איך שטיי פאַרן טויער
(פייגל פליען איבערן דאַך)
נעם מיך ביי דער האַנט און פיר מיך, טרויער,
צו יענעם אַלע באַקאַנטן שליאַך.

ווי דו האָסט געפירט אַזוי מסתמא
צו דער שחיטה אין גרינעם טאָל,
מיין שוועסטער, ברודער, טאַטע־מאַמע,
מיט געוויינען פון שמע ישראל.

אינעם גאָרטן פון מיין שכן

אינעם גאָרטן פון מיין שכן
בליט אַצינד די רויז.
אויפן מאַרק אין שטעטל
איז פאַרברענט מיין הויז.

וואַקסן אין זיין גאָרטן
אוגערקעס און קרויט.
גייט דאָרט אויף אין גאָרטן
מיין טאַטע־מאַמעס טויט.

טראָגט ער איצט זיין קאָסע
אויף זיין פעלד צום שניט.
אונזער בלוט — זיין ראָסע
אין באַגינען בליט. —

שכן, מערדער, שכן
נעם מיין קללה מיט!

אויף די שפּיצן בערג

אויף די שפּיצן בערג פון בעלאַ דאָן'
איז מיין לעבן אַמאָל געשטאַנען אין קאָן.
די סטעזשקע — אַ שלאַנג
אונטער די טריט פון מיין גאַנג —
פעלזיק און שמאָל
אַנטקעגן דער זון.
און אונטן אין טאָל
מיט אָפענע אָרעמס געוואַרט האָט דער טויט.

איך האָב דעמאָלט אַוודאי דערפון נישט געטראַכט —
נאָר איצט, אין מיין רו,
אויפן געלעגער ביינאַכט,
פיל איך דעם ציטער פון שרעק
פאַר יענער רגע אויפן פאַרוואָרפענעם העק
אַמאָל, אַמאָל — — —
איך — אויפן באַרג,
און טיף אינעם טאָל
מיט אָפענע אָרעמס דער טויט האָט געוואַרט.
— — — — — — — —
— — — — — — — —

מיין טויטע מאַמע האָט דעם טויט אָפּגענאַרט.

אַ רעגנבויגן

דאָס גרעט אויפֿן שטריק פֿאַר מײַן פֿענצטער —
אַ רעגנבויגן —
פֿלאַטערט פֿאַרביק פֿאַר מײַנע אויגן
מיט העמדלעך און קליידלעך פֿון די קינדער
באַ מײַן שכן.

איך, אַנטקעגן אין מײַן טרויער,
זוך אַ נײַעם גראַם צו מויער און באַדויער.

נאָר די קינדער פֿון מײַן שכן ליגן אין די וויגן
און לאַכן פֿון אַלע זיבן זאַכן.
די זון — צעגליטער מעש —
טרוקנט אוים די קינדערס געוועש
און דער ווינט הוידעט פֿאַר מײַנע אויגן
דעם פֿײַכטן פֿאַרביקן רעגנבויגן.

לאָמיר פֿאַרלאָזן

לאָמיר פֿאַרלאָזן די שטאָט פֿון ליכט,
אַביסל חשכות צו געניסן.
איך וועל דעם טרויער פֿון מיין געזיכט
אַוועקלייגן דעם וואַלד צופֿיסנס.

פֿון צופֿיל ליכט בין איך פֿאַרבלענדט
און קען דעם וועג נישט זען צו דיינע שוועלן.
אָ, פֿיר מיך, פֿיר מיך מיט דיינע ווייסע הענט
צו דעם חשכות פֿון ליכטיקייטן העלן.

שרעק

געווידמעט נ. ב.

מסתמא איז גערעכט דער האָז אין זיין שרעק
פאַרן הונט, וואָס שפּילט זיך מיטן עק,
נאָך ערגעץ ווייט פון דער דעבערע אינעם וואַלד.

די שרעק — אַ שטורעם־ווינט, וואָס האַלט
דעם אָטעם איין און גיט ווידער אים אַ בלאָז
אויף די אָנגעשפּיצטע אויערן פון אַ האָז.

געבענטשט זאָל זיין דער שטילער האָז,
וואָס אין דעם טיפן ווילדן גראָז
פון זיין העק,
פילט דעם ציטער פון דער ווייטער שרעק.

מערץ

ה. ליוויק

אין דיינע טעג, וואָס האָבן פּראָסטיק זיך צעלייגט פֿאַר טויערן פֿון וועלט
ליגט דער גליווער פֿון שווייגנדיקער צייט;
און זיינע ווינטן, וואָס האָבן שטיל געוואַרט אויף דיין טראָט,
ברענגען תאווה פֿון התפּעלות'דיקער פֿרייד.

אין דיר ראַנגלען זיך צייטן פֿון אונדזער זיין,
און אויף דער פֿאַלענדיקער וואָגשאָל פֿון דיינע נעכט
קומען אויף ווינטערדיקע טעג
ביים ווילדן רייסן זיך פֿון כוואַליעס שוימיקע צום ברעג.

מיר שפּאַנען האָפֿערדיק דורך דיינע וואונדערלעכע טעג
און טראָגן פֿרייד און זיך מיט דיין שטורעמדיקן ווינט;
און וואַרטן שטיל אַזוי אויף דעם זוניק-העלן טאָג,
ווי אַ יונג-באַפֿרוכפּערט לייב אויף דעם טראָגנדיקן קינד.

האַרבסט אויף טיימס סקווער

צום טיימס סקווער אין ניו-יאָרק, אין האַרבסטיקן גראָ,
בין איך אַרויס דעם טאָג אַנטקעגן. דער האַרבסט
בליט בראָנזיק-ברוין און געל. בלעטער-פּאַל
אויף אַלע וועגן, און ס'שטאַרבט
דער לעצטער שפּראָץ פון גרינס מיט יעדער שעה.

צום טיימס סקווער אויפן יאַריד בין איך אַרויס קאַרטאָפל
קויפן. די פּויערים זויפן אין די שענקען
און איבער אַלע וועגן בליט אויף אין וויאַנען
דאָס רויטע בענקען.

דורך שמאָלע איליצעס און געסלעך גיי איך נאָך מיין טאַטן
אין מאַרק אַריין קאַרטאָפל קויפן
פאַרן ווינטער.
דער טאַטע פירט מיך ביי דער האַנט, איך זאָל נישט לויפן
ווי אַ פלאָץ-יונג שלינג און שלאַנג.
מיר שפּאַנען דורך די פורן און מיר איז באַנג,
וואָס איך טאָר די לאָשיקלעך נישט גלעטן
און נישט לאָזן זיך מיט די יינגלעך אין געוועטן.

די זון אין מאַרק — קראַנק אויף שאַרלעך —
באַלייכט די קוישן עפּל און כל-נדרי באַרלעך.

מיין מומע און דער פעטער אויף די שוועלן
פון געוועלב האַלטן בלישטשיקע קרעלן:
— קרעלן פון בורשטין
געבראַכט אַהער פון ווין!

מיין מומע פּאַכעט מיט אַ שאַל פון פרענדז
און שרייט העכער נאָך פון אַלע גענדז:
— שאַלן אַלערליי
געבראַכט אַזש פון טערקיי!

איך קרים נאָך און כאַפּ אַ זעץ
פון טאַטן: — אַ ייד טאָר נישט זיין קיין ליץ!

אין מארק אַריין איך גיי קאַרטאָפל קויפן
מיטן טאַטן
פאַרן ווינטער.
געשטויב פון ערד. געשריי פון פערד,
נאָר די פּויערים אין די שענקען זשליאָקען
ביים געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן.

גאַוורילע, אין אַ טשאַקע און אולאַנער־הויזן,
טראָגט אויפן האַלדז אַ מעשן יויזל.
ער רייסט די האַריקע טשופּרינע
און גאַווערט אוים די ווייסע פּינע.

איך האַלט אַ פייג אין קעשענע — אַ סגולה
פאַר גאַווריַלע שיכור, דעם בורמילע:
— גאַווריַלע, גאַווריַלע, גיין זאָלסטו אויף קילקעלער
און שטעכן זאָלן דיך שפּילקעלער!

מיין מומע — אַ קראַנקער פויגל —
פּינטלט מיט קאַסאָקע אויגן:
— דער רוצח איז שוין ווידער מלא
און האַלט אַ מעסער הינטער דער פּאָלע.

געשריי. געפּראַל פון טירן־פּענצטער —
מיין טאַטע וויקלט איין מיך אין זיין שפּענצער

און רעדט צו מיר, ווי צו אַ גרויסן:
ס'טוט זיך חושך אינעם דרויסן,
די מומע נעבעך איז אוים מענטש
און דער פעטער — אָן אַ קאָפּ — — — —

און אויף אָן אמת טאַקע —
מיין מומע האָט אויסגעטאָן איר יאַקע
און איז אַ האָז געוואָרן.
מיין מומע שרה איז אַ האָז
און שפּרינגט צווישן אַלע פורן אויפן שטראָז.
די פּויערים לאַכן און איך — אין שרעק —
שיט איר זאַלץ אויפן עק,
זי זאָל נישט שפּרינגען אַזוי שנעל.

מיין פעטער עליע — אַ פּאָס די גראָב —
שטייט אין מאַרק אָן אַ קאָפּ
און רופט די קונים צו זיין שוועל.

„פעטער עליע, ווייז אַ קונץ,
גיב אַ שפּרונג, ווי אַ יונג,
פון דער סטעליע ביז צו אונז" — — — —

אין מאַרק די שרעק איז ווידער שוין אַוועק
און מיין פעטער מיט דער מומען האַנדלען, וואַנדלען
מיט שאַלן, קרעלן, ראָזשינקעס און מאַנדלען.

דאָס יויזל מיטן דערנער-קרענצל
לאָזט זיך מיטן שיכור אין אַ טענצל:
איי-וואַי, זשיד כּאַלעמאַי — —
נאָר דער פעטער מיט דער מומען
אויף די שוועלן — קוועלן.

און פּלוצעם — איך וואָלט געשוואוירן —
אַ קאַטערינקע שפּילט —
„צי בין איך דען פון אַ שטיין געבוירן?"
די ווייבער וויינען און משה הויקער בעטלט
אוים דאָם לעצטע מינץ־געלט פונעם שטעטל.

די קלויסטער־שפּיצן גליען. איבער זיי — אויבן
אַ טשאַטע טויבן פליען
צו דער זון.

אַזאַ מין טומל און אין געדרענג
מיר שטופּן זיך אַדורך דער לענג
פון מאַרק צו דער קאַרוזעלע.

נאָר פּלוצעם — מיין טאַטע דרייט זיך אויף דער קאַרוזעליע
און אַלע קונים — גויים און להבדיל יידן — שטוינען:
ר׳ יצחק מיט דער ווייסער באָרד רייט מיט שטאָלץ
אויף אַ פאַרביק פערד פון האָלץ — —

די חדר־יינגלעך אינעם רומל
זינגען העכער נאָך פון טומל:
איציק, שפּיציק, נאָדל־טעשל,
לויף צום גלח, כאַפּ אַ פלעשל — —

טאַטע, טאַטע, הייב איך אָן צו שרייען,
און דאָם פּנים נעמט מיר פלאַמען —
ס׳איז אַ בושה פאַר דער מאַמען!

נאָר דער טאַטע הוידעט זיך אַלץ העכער
צו דעם הימל
איבער אַלע שטעטלדיקע דעכער.

און מיטאַמאָל —
אַלע יידן פון די שוועלן,
אַלע ווײַבער פון די הויפן,
אַלע פויערים פון די פורן
דרייען זיך אַריין אין דער קאַרוזעליע
מיט דעם טאָג — דעם חולה נופל
צו דער זון הינטערן באַרג
און לאָזן מיך נישט דאָ געדאַכט
אַליין אין מאַרק
מיט דער קאַליקע — דער בלינדער נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

צום טײַמס סקווער אין ניו־יאָרק אויף האַרבסטיקע וועגן
בין איך אַרויס דעם טאָג אַנטקעגן.

שטיל־לעבן אויף טיימס סקווער

די צוויי שלאַנקע, ברוינע האָזן
פון קאַרטאָן,
וואָס דרייען זיך אין אַ ראָד
אַ גאַנצן מעת־לעת אין קאָן
פון דער רוישיקער שטאָט —
וועלן פּאָרט אַמאָל זיך אָפּשטעלן
אויפן טיימס סקווער אין ניו יאָרק;
דער הויכער, לאַכנדיקער מאַן,
וואָס טוט בלאָזן
זיין ציגאַר
יאָרן־לאַנג צו די מענטשן אויפן טראָטואַר —
וועט פּאָרט אַמאָל אויפהערן בלאָזן,
און אַלע קינדער און גרויסע וועלן לאַכן
פון די טויטע נאַרישע זאַכן,
וואָס וועלן אין מיטן טאָג דעם העלן
פּאָרט זיך מוזן אָפּשטעלן.
נאָר איך, וואָס בין זיכער אין דעם,
וועל דעמאָלט — אַ בילד פון אַ רעם
אַרויספאַלן
און נישט זיין שוין אין שטאָט —
בנאמנות, אַזאַ שאָד — — —

לאָמיר זיך איינשפּאַנען

לאָמיר זיך איינשפּאַנען אין פּאַרביקע לייצעס
און לויפן באַרוועס צו דער סעקאַנד עוועניו אין ניו יאָרק.
דער שטויב וועט זיך הויבן איבער די שטראָזן
און די זון וועט זיך לעשן אין די פינקל־שויבן
פון דער גרויסער שול.

די ווייבער אין פּאַטשיילעס און די אידן מיט די בערד
וועלן גאַפן פאַר די שוועלן:
זעט, ווי גרויסע יונגען מאָזלען
אין מיטן זומער־טאָג דעם העלן.

אין רויש פון יוניאָן סקווער
מיר וועלן צעפלאָשן אַלע טויבן,
דערנאָך זיך לאָזן צו דעם טייך
שווימען נאַזנדיק צו דער זון
אין מיטן מארק פון ניו יאָרק.

פאַרנאַכט וועלן מיר ביי איציע פּאַקנטרעגער
נעמען אויף באָרג,
אָדער פאַר מינץ,
פאַר דער שוועסטער אַ שיינעם ראָמאַן
פון אַ יתומה און אַ פּרינץ,
און פאַר דער מאַמען
אַ וואונדערלעכע מעשה פון ר׳ משה לייב פון סאַסאָוו,
וואָס האָט געהיילט פון קרעץ אַן אָרימאַן
און אים געראַטעוועט פון טויט.

לאָמיר אַריבערשפּרינגען דעם הויכן פּלויט
פון גלח׳ס סאָד
ביים יוניאָן סקווער,
אַנטלויפן פאַר די בייזע הינט,
דערנאָך אַנטשלאָפן ווערן אויף דער ערד

מיט אַ חלום פון רויטע עפּל און מאַרעלן,
פון טרויעריקע טאַטע־מאַמע
פאַר די שוועלן
און פון אַ זון, וואָס פאַרגייט אין פלאַמען
אין דער ווייטער, פרעמדער שטאָט.

אין אַ פּינצטערער איליצע

אין אַ פּינצטערער איליצע אויף סעקאָנד עוועניו,
אין ניו יאָרק,
אין מיטן טאָג דעם העלן,
זיינען גזלנים מיך באַפאַלן
און זייערע קינזשאַלן
צוגעשטעלט צו מיין האַרץ,
ווי אַמאָל אין דער מעשה
יאַנקעלע־קאַנסע
ציגעלע־בער
טאַנצט אַהין און אַהער.
— וואָס האָבן די גזלנים געוואָלט?
— „אַ זעקעלע גאָלד,
אַן אוצל אַן אַלטן
אין קעלער באַהאַלטן".
— העי, איוואַנטשיקו, מאַידאַנטשיקו,
ס'האָבן מיינע גוטע שכנים נאָך נעכטן
דעם גאַנצן דאָברי מזל
ביי מיר צוגעגזלט!
נאָר ס'שמייכלען די גזלנים און זייערע קינזשאַלן
בלענדן אינעם גאָלד פון די זון־שטראַלן:
— „נאָכאַמאָל דעם קעלער
און נאָכאַמאָל דעם אוצר!"
אין אַ פּינצטערער איליצע, ווי אין אַ חדר־מעשה,
שטיי איך איינער אַליין
און זייערע קינזשאַלן
שניידן דאָס גאָלד פון די זון־שטראַלן.

טרעפט אַמאָל אַ רגע

טרעפט אַמאָל אַ רגע אין אַ שפּעטער שעה —
איך קום אַראָפּ אין סאָבוויי — און ס'איז קיינער דאָרט נישטאָ.
די רוימען זענען פּוסט און ס'שוועבט
דער אָטעם פון אַ מענטש,
וואָס האָט אַמאָל אַדאָ געלעבט.
די שיכורים אין אַ ווינקל אָטעמען שווער
און ווען קיינמאָל שוין נישט אויפשטיין מער.
אַלע באַנען אָפּגעפאָרן, שוין פאַרביי —
די שטומקייט אויף די שינעס — אָפּגעקילטער בליי. —
דאָס רויטע ליכט צום טויער — געלעכטער פון אַ שד,
איבער מיר די שטאָט איז טויט און ס'וועט
קיינער מיך נישט טרעפן קיינמאָל דאָ —
טרעפט אַזאַ מין רגע אין אַ שפּעטער שעה.
נאָר פּלוצים — פון דער שוואַרצער היץ
אַ פייף האָט העל
אַדורכגעבליצט
און אויפגעבלענדט די רוימען — —
און איך בענטש די באַן און דעם מאַן,
וואָס פון טונעל
פירט אַרויף מיך צו דער אויבערוועלט.

אין אַ נאַרישער קראָם

ר. ה.

אין אַ נאַרישער קראָם אויף דער איסט סייד
האָב איך פּלוצים דערזען אַ קלייד
דעם פרילינג אין בלומען צעבליט —
און טו עס באַשרייבן אין ליד.

אַזאַ אָרים קלייד פון פּערקאַל
האָט פּלוצים פאַר מיר אויפגעשטראַלט
מיט גראָזן, מיט בלומען, מיט בלי —
ווייל געטראָגן אַזאַ קלייד האָט זי.

אין מיט פון ניו יאָרק מיין לויב
צום פּערקאַלן קלייד הינטערן שויב,
מיט זון און הימל און שוואַלבן־פּלי —
ווייל געטראָגן אַזאַ קלייד האָט זי.

מיט אַ שמאָלער סטעזשקע

אָנדענק: מאַני לייב

מיט אַ שמאָלער סטעזשקע דורך דעם אָוונט-ליכט
שפּאַן איך אַלץ נעענטער צום נאַכטיקן טויער.
די שאָטנס קילן מיינע טריט. דורך דעם לבנה-האָרן
בלאָזט גאָט אין מיר אַריין זיין טרויער.

דעם שכנס הונט גריזשעט דעם פּאַרנאַכט און אַ ביין,
פון זיין רויטן מויל עס רינט די סלונע.
די זון ווערט נעלם, דער טאָג — צערונען,
צום נאַכטיקן טויער גיי איך איינער אַליין.

די גרינע אָזערע אינעם נעפּל-שפּיגל
פאַרוויגט דעם סוד פון וואַלד און זיין געפליגל.
דער שווימענדיקער שוואַן — אַ פרעג-צייכן
אין חלום צווישן דער נידער און די הייכן.

ביים סוף פון אַלע סופן

ביים סוף פון אַלע סופן
ווערט יעדער חלום — וואָר.
און אַלץ וואָס האָט געהאָנגען,
ווי אויף אַ האָר
אויף דער שאַרף פון שווערד —
ווערט טיפער וואָרצל אין דער ערד.

ביים סוף פון אַלע סופען
ווערט מקח
פון אַלע אָנגעזאָגטע אַדעראַפּן.

ביים סוף פון אַלע סופן
פינקלען זונען-שטראַלן — זעלנער-שפּיזן.
און אַלע דאָנקיכאָטישע ווינט-מילן
ווערן אויף אַן אמת לעבעדיקע ריזן.

הינערפּלעט

די ברוינע מאַלפּע אין אַ ווייסן מיצל,
וואָס טאַנצט אין אַ רייף
אין מיטן מאַרק;
דער פראַנצעוואַטע היצל
וואָס וואַרגט
אַ פאַרלוירן הינטל
מיט זיין שלייף;
דער קונצנמאַכער אין רויטע הויזן
און מיט אַ גרינעם קאַשקעט,
וואָס גייט אויף שטריק
אַהין און צוריק —
וואָס ווילן זיי פון מיר אַ לעבן־לאַנג?
גאָט, מיין גאָט, ווי אין הינערפּלעט
איז אַלץ שוין אָפּגעמעקט:
די פּנימער פון מיינע טויטע טאַטע־מאַמע,
די פאַלנדיקע הייזער פון מיין שטאָט,
די שטורעמס אויף די ימען.
נאָר וויט ביים האָריזאָנט,
אין נעפּל־ראָד
פון מיין זכרון,
האָב איך קלאָר דערקאָנט
די ברוינע מאַלפּעס אינעם ווייסן מיצל,
דעם פראַנצעוואַטע היצל
און דעם קונצנמאַכער מיטן גרינעם קאַשקעט,
אַהין און צוריק
וואָס וועט מסתמא טאַנצן אויפן שטריק
ביז צו מיין לעצטן בליק
אין הינערפּלעט.

אויף לאָנג אײַלאַנד ערד

אויף לאָנג אײַלאַנד ערד, איבערן הויכן וועג,
מיר פֿאָרן דורכן האַרבסט אין ווילדן ווינט-געיעג.
הינטער אונדז די שטאָט אין פֿײַערדיקן זשום
און אונטן טיף אין טאָל — מצבֿות ווי קרישטאָל
בלענדן אין דער זון.

איבערן הויכן וועג מיר יאָגן אין געיעג
און בלעטער — טויטע פֿייגל — פֿאַלן אינעם טאָל
אויף מײַנע שכנים פֿון אַמאָל.

גאָט העלף אײַך, אין דער ערד פֿון ליים,
לאַנדסלײַט מײַנע פֿון דער היים!
דער האַרבסט איז פֿול מיט זון
און איך בין איצטער שטאַרק פֿאַרנומען.
נאָר פֿון מײַן הויכן וועג איך לאָז אײַך וויסן:
פֿאַרנאַכט וועל איך צו אײַך אין טאָל אָנקומען
און פֿון דער חלום-וועלט ברענגען אַלעמען גריסן
און באַרוועס מיט דעם שטויב פֿון שטראָזן
רוען אין די הויכע, קילע גראָזן
אויף אײַער שאָטנדיקן מאָרג,
אין לאָנג אײַלאַנד, לעבן ניו-יאָרק.

כינעזישע פלייט

איבערדיכטונגען פון דער אַלט־כינעזישער פּאָעזיע

טשונג טסע, איך בעט דיך

(פון בוך פאָלקסלידער און באַלאַדן „שי־קינג״, 900 יאָר פאַר
דער קריסטלעכער ציירעכענונג)

טשונג טסע, איך בעט דיך, הער מיך אויס!
נישט קום אין דאָרף צו אונדזער הויז.
צעטרעט ניט אונדזער רויזן־בייט!
איך האָב דיך ליב, איך שווער דיר, שווער,
כאָטש ס׳האָט דער פאָטער דאָס פאַרווערט.
טשונג טסע, דו ביסט פאַר מיר די פרייד,
נאָר כ׳שרעק זיך פאַר מיין מאַמעס רייד,
און לאָמיר זיין דערוויל צעשיידט.

טשונג טסע, איך בעט דיך, הער מיך, הער!
נישט גיי דורך אונזער גאָרטן מער.
מיר האָבן בלומען דאָרט פאַרזייט!
איך האָב דיך ליב, איך שווער דיר, שווער,
כאָטש ס׳האָבן ברידער מיר געשטערט.
טשונג טסע, דו ביסט פאַר מיר די פרייד,
נאָר כ׳שרעק זיך פאַר די ברידערס רייד,
איז לאָמיר זיין דערוויל צעשיידט.

טשונג טסע, סע ציטערט מיר די הויט!
נישט קריך צו מיר דורך אונזער פלויט.
צעברעך נישט אונזער מארווע־בוים!
איך האָב דיך ליב, איך שווער דיר, שווער,
נאָר שכנים האָבן שוין דערהערט.
טשונג טסע, דו ביסט פאַר מיר די פרייד,
נאָר כ׳שרעק זיך פאַר די שכנים׳ס רייד,
איז לאָמיר זיין דערוויל צעשיידט.

ט״ו פ״ו: דאָס אָפּגעברענטע הויז

דאָס שטילע הויז פון מיין געבוירן
האָט אָפּגעברענט.
דאָס שטילע הויז פון מיין געבוירן
האָב איך נישט דערקענט.
האָב איך געזעצט זיך אויף אַ שיפל,
געלאָזט זיך אויף די זילבער־טייכן,
און געמיינט, אַז אויף די וואַסערן
וועט דער טרויער נישט דערגרייכן.

אויף מיין שיין־געשניצטער פליט
אַ ליד געזונגען צו דער נאַכט. —
נאָר ס׳האָבן ווייטע כוואַליעס
דעם טרויער מיר צוריקגעבראַכט.

די ווייסע, זילבערנע לבנה
האָט אויסגעהערט מיין ליד פון שרעק
און מיט אַ טונקעלער כמאַרע
דאָס בלייכע פּנים צוגעדעקט.

בין איך געגאַנגען צו די בערג,
פאַר זיי מיין ווייטיק אויסגערעדט.
נאָר ס׳האָבן אויך די הויכע בערג
נישט פאַרשטאַנען מיין געבעט.

ביים ים־ברעג שטום בין איך געשטאַנען,
געבענקט צום טויט אין וואַסער־טיפן —
ווען פלוצים פון דער בלאָער ווייט
אָנגעזעגלט האָט אַ שיפל.

איך האָב געמיינט: די לבנה
שפּיגלט זיך אין וואַסער־בלוי.
נאָר ס'איז געווען אַ ווייסע שיף,
געטריבן פון אַ שיינער פרוי.

— אָ, דו ווייסע, שיינע פרוי,
געקומען איז מיין לעצטע שעה,
האָסט פאַר מיר די פרייד געבראַכט,
איצט בין איך ווידער דאָ.

און זינג דאָס ליד פון לעבן:
אָ דו, שיינע, ווייסע רויז,
אין דיין אײדל האַרץ
וויל איך בויען מיר דאָס הויז.

וואַנג־סענג־יו: די פּאַרלאָזטע

אויפן הימל פלאַטערט די לבנה,
אויף מיין טישל צאַנקט דאָס ליכט.
איך האָב זיך איצט נאָך אים,
מיין טייערן, פאַרבענקט.

איך וויין און וויין. מיינע טרערן
פאַלן שטיל אַראָפּ אין זאַמד.
געליבטער, אין פרעמדן לאַנד
זאָלסט כאָטש מיין זיפץ דערהערן.
הערן זאָלסטו און פאַרשטיין,
ווי שטיל מיר איז,
ווי באַנג מיר איז,
צו זיין ביינאַכט אַליין.

הונגער

(פון בוך פאָלקס־לידער און באַלאַדן „שי־קינג“, 900 יאָר
פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג)

מיזל, מייזל, גראָע מויז,
פרעס נישט אויף די רייז אין הויז.
יאָרן דריי מיך אויסגענאָגט,
יאָרן דריי מיך אויסגעפּלאָגט,
צו דיין קעפּעלע — אַ שאַנד,
איך מוז אַנטלויפן פון מיין לאַנד.

מיזל, מייזל, גראָע מויז,
פרעס נישט אויף דאָס גאַנצע הויז.
איך האָב דערציילט מיין הויזגעזינד,
פאַר די קעץ און פאַר די הינט:
יאָרן דריי מיך אויסגענאָגט,
יאָרן דריי מיך אויסגעפּלאָגט,
איצטער קלייב איך זיך אַרויס —
דיך צו פּטרן, גראָע מויז.

אָפּגעטרייסלט שוין די פלוימען

(פון בוך „שי־קינג“)

אָפּגעטרייסלט שוין די פלוימען,
און פאַרבליבן זיינען זיבן.
אָ, איר יונגע שיינע אינגלעך,
ס׳איז די צייט צו ליבן.

אָפּגעטרייסלט שוין די פלוימען,
און פאַרבליבן זיינען דריי.
אַז איר זוכט מיך שיינע אינגלעך —
בין איך איצטער פריי.

אָפּגעטרייסלט אַלע פלוימען
און אָנגעפילט די קוישן.
אָ, איר שיינע, וואוילע אינגלעך,
ס׳טוט מיין בלוט איצט רוישן.

לי־טאַ־פאָ: אויפן ברעג פון יאָ־יע

אין די שיינע שיפלעך, צווישן הויכן טשערעט,
רייסן מיידלעך לאָטאָס-בלומען און בינדן זיי אין בינטן.
פאַר די טאַטע־מאַמע רייסן מיידלעך בלומען —
זייערע ווייסע אַרבל פלאַטערן אין ווינטן.

ברעג-אַרויף פון טייך, אונטער בלויע הימלען,
רייטן יונגע רייטערס זאַלבעדריט און זאַלבעפערט.
פלוצים האָט אין לויף צעפלאָשעט זיך אַ פערד — —
ווייסע בלומען-בליטן צעטראָטן אויף דער ערד.

איינע פון די מיידלעך וויל דעם פערד נאָכלויפן —
רויטער בלוטפלעק צינדט זיך אויף איר באַק פאַרשעמט.
און איידלשטיין איר פנים. בלישטשענדיקע שטרייפן
שפיגלען זיך און ברעכן זיך אין דער גילדענער רעם.

דער בושל

האַרבסט־צייט קרייזט איבערן זומפּיקן פּליין
אַן אַלטער בושל, באַזילבערט פון פראָסט, איינער אַליין.

איך שטיי פאַרלאָזט ביי דעם זומפּן־ראַנד — —
מיינע בליקן וואַנדערן איבערן האָריזאָנט.

טו־פו: ליד צו לי־טאַי־פּאָ

מען רופט דיך אייביק פאַלנדיקער טראָפּן —
הימל־בלוי און זוניק —
דער רויש פון דיינע לידער
קרישלט די שפּיז פון זעלנער,
דאָס לאַנד פון קיניג.

דו ביסט די זון, וואָס מיר זעען אין זעניט.
שטורעם, ווען די וואָלקנס קראַכן — דיין ליד.
דיינע לידער רעגנסטו אוים ווי טרערן,
גאָט אין זיינע הימלען טוט זיי הערן.
ער שמייכלט, וויינט אין לבנה־שיין ביינאַכט,
און מיינט, אַז ער אַליין האָט זיי אויסגעטראַכט.

טשאַן־יאָ־סו: נאַכט־בילד

פון ווינט צעוויגט כוואַליעט אויף דער טייך — —
באַלד וועט ער ווידער אין זיינע ברעגעס שטומען.
די פיש טאַנצן. זייערע שופּן לייכטן,
ווי אין דער נאַכט די לאָטאָס-בלומען.

די לבנה שווימט דורך טונקעלע צווייגן
שטיל און פאַרטראַכט. דאָס זילבער פון דער נאַכט,
דער קילער טוי, ווי ווייסע פּערל,
לייכטן אויף אין בלאָען שווייגן — —

טסי־טאַ: אַ שפּרוך פאַר דער שלאַכט

שפּאַנט אָן די הערצער אייערע ווי איר שפּאַנט די בויגנס!
די שאַרפע פייל פון אייך געפלויגן,
זאָל גלייך אין שונאים׳ס הערצער פאַלן!
צילט אין שונאס פערד!
און נעמט געפאַנגען אויף זיין ערד
זיינע זעלנער
און זייערע גענעראַלן.

זייט אָנגעגורט צום קאַמף — ר׳וועט געלונגען.
זאָל קינד און קייט פון אייער זיג אונדז מעלדן!
זאָל אויפגיין אייער רום דעם שונא צו באַצווינגען —
אַ, טרייע שלאַכט-לייט, אַ בראַווע העלדן!

לי־אָ־עי: געזעגענונג

אָנגעגורט די לענדן האָט דער זעלנער,
אוועקצוריייטן אין דער שלאַכט.
צום געזעגענען האָט זיין ווייבל
אַ מתנה אים געבראַכט.

— געליבטער, נעם דאָס טוך פון זייד,
איך האָב אויף דעם געהעפט מיין נאָמען.
אין דער פרעמדער ווייט
זאָלסטו זיך צו לאַנג נישט זאַמען.

ווייל אַלצדינג, וואָס דו זעסט, פאַרגייט.
די לבנה אויפן הימל, וואָס איז גאַנץ,
ווערט מיט יעדער נאַכט
טונקעלער אין גלאַנץ.

נישט אייביק בליען וועט מיין טראַכט,
דאָס יונגע לייב מיינס וועט פאַרוויאַנען — —
געליבטער, אין דער שלאַכט
זאָלסטו זיך צו לאַנג נישט זאַמען.

איבערזעצונגען

צו . . . (מאַרילאַ)

(אויף די אַלפּן אין ספּליגען, 1829)

קיינמאָל נישט, קיינמאָל וועל איך מיט דיר זיך געזעגענען!
דורך ים, אויף ערד, דו גייסט מיר נאָך אויף מיינע וועגן.
אויף די אייז-בערג איך זע דיינע בלענדיקע צייכנס,
דיין שטים איך הער אין רוישן פון אַלפּישע טייכן,
און מיינע האָר ווערן שטאַר, ווען איך זע דיך, דערהער,
און דיין געשטאַלט צו דערבליקן איך שרעק זיך און באַגער.
און דיין שטאַלט צו דערבליקן איך שרעק זיך און באַגער

אָ, שלעכטע! ווען איך וועל היינט אין די הימלישע הייכן,
אין אָפּגרונט פאַלנדיק און אין כמאַריקע טייכן,
מיין טראָט פאַרהאַלטן פון אייביקע אייז-בערג באַשווערטע,
און מיינע אויגן אויסווישן פון וואַסער פאַרטרערטע,
זוכן דעם שטערן פון צפון אויפן הימל דעם טריבן,
זוכן מיין ליטע און דיך און זוכן דיין שטיבל:
אָ, שלעכטע! וועסטו אפשר היינט, אַ מלכה צעשיינטע,
אָנפירן מיט אַ טאַנץ צווישן דיינע באַקאַנטע,
אָדער אפשר גאָר ליבעלעך נייע דיר ווילן,
און פון אונזער ליבשאַפט טוסטו לאַכן, דערציילן!
אָ, זאָג, צי פרייט דיך, ווען מיט געבויגענע רוקנס
רופן שקלאַפן דיך פריצה און פאַר דיר זיך בוקן!
ווען די פרייד טוט דיך שלעפערן, די פרייליכקייט וועקן
און אפילו קיין שום דערמאָנונג נישט שרעקן?
צי וואָלט מער דיך געפרייט, ווען דו, אָ, מיין ליבע,
געטיילט וואָלסט דעם גורל פון מיר, וואָס פאַרטריבן?

אָ, איך וואָלט ביי דיין זייט איבער פעלזן געגאַנגען,
די שווערקייט פון וועג דיר פאַרזיסט מיט געזאַנגען,
איך וואָלט דער ערשטער אין רויש פון שטראָמען געשפּרונגען,
די שטיינער פון טייך אונטער דיינע טריט באַצוואונגען,
דיין פוס וואָלט אַריבער איבער פעלזן די שטאַרע
און מיט קושן איך וואָלט דיינע הענט דיר דערוואַרעמט !
די רו וואָלט באַגריסט אונז אונטער פויערישע באַנטעס
און פאַרהילט איך וואָלט דיך מיט מיינע געוואַנטן.
און דו וואָלסט אין אָוונט ביי די פאַסטוכערס פייער
פאַרוויגט זיך און דערוואַכט אויף מיינע אָרעמס די טרייע !

וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

צו די פּוילישע יידן

דעם אָנדענק פון שמואל זיגלבוים

פון פּוילישע שטעטלעך און שטעט מען הערט נישט קיין יאוש-געשריי.
געפאַלן זיינען ווי שלאַכט-לייט פון וואַרשעווער געטאָ די העלדן...
איך טונק מיינע ווערטער אין בלוט, מיין האַרץ אין גרויסן געוויין,
פאַר אייך, אָ, פּוילישע יידן — איך וויל אויף מיין וואַנדער עס מעלדן.

נישט קיין מענטשן, נאָר בלוטיקע הינט, נישט קיין סאָלדאַטן נאָר
הענקער
זיינען געקומען אייך, אייערע פרויען און קינדער צו שיסן.
אין קאַמערן מיט גאַז אייך סמ'ען, מיט קאַלך אייך צו דערשטיקן
און צו לאַכן פון אייך, מיט הכנעה געשטרעקטע צו גסיסה...

נאָר איך האָב אַ שטיין אויפגעהויבן אין אייערע שונאים צו וואַרפן,
וואָס האָבן מיט פייער און שנאה חרוב געמאַכט אייערע היימען...
אָ, זין פון מכבייער! אויך איר האָט באַוויזן צו שטאַרבן
אין פלאַקער פון קאַמף און נקמה נעבן אייערע פּוילישע שכנים.

פאַרקריצט עס אויף לוחות פון שטיין פאַר דורות אין פּוילנס זכרון:
אונזער היים איז צעשטערט, אונזער בלוט איבער גאַסן טוט פליסן.
אונז פאַרבינדן די דראָטן פון לאַגערס, די וועגן צו דאַכאַו,
אָשוויענטשים,
יעדער אָרט פון אַ ברודערן-קבר און יעדע קראַטע פון תפיסה.

ס'וועט נאָך בלויען דער הימל אַמאָל איבער דעם חרובן וואַרשע,
ווען נאָך די שלאַכטן די שווערע, זיג וועט באַשיינען די מענטשן.
און זיין וועט פרייהייט און רעכט און זיין וועט ברויט פאַר אונז אַלע
און זיין וועט איין ראַסע אויף ערד — די ראַסע פון איידעלע מענטשן.

יוליאַן טובים

נישטאָ קיין לאַנד

נישטאָ קיין לאַנד, פון וווּ איך וועל נישט בענקען
צו די אַלטע גאַסן, די גרויע.
ברעכן וועט אין פּיין זיך יעדער געשריי פון נצחון
און אַלץ וועט וויינען פון אַמאָל דער טרויער.

נישטאָ קיין ערד, אויף וועלכער איך זאָל רוען,
אָן דער אַלטער דערמאָנונג זיך פאַרוויגן.
אומעטום, אומעטום וועט פאַר מיינע אויגן
זיין איינס נאָר צו דערבליקן.

ס׳וועט מיך גאָרנישט איינשטילן,
גאָרנישט וועט מיך פאַרהאַלטן.
אייביק שטייט פאַר מיר אָפן
דער הימל — מיין ערד די אַלטע.

ס׳וועלן נישט העלפן קיין שום נסיעות,
נישט קיין ים׳ען, נישט קיין המונים,
איך זאָג תפילה איבער גאַסן אַלץ אָפטער,
אַ פאַרקלערטער, אַ פאַרטרוימטער.

ס׳וועלן נישט העלפן קיין וווּנדערלעכע ווערטער,
נישט קיין הימנ׳ען ווילדע, נישט קיין געיעגן,

וואָס ס׳זאָל נישט געשען — וועלן נאָכאַמאָל קומען
די גרויע תפילות אַנטקעגן.

יוליאַן טוּווים

נסיעה

ער איז געפאָרן אויפן שוימיקן, טיפן אָקעאַן
לאַנגע, לאַנגע מעת-לעתן.
אַדורך אין אַ שטורעם, אַן אוראַגאַן,
דערנאָך געוואָרן שטיל, ווי פאַרגעסן.

ער איז געפאָרן איבער וואַסערן שוימיקע, טיפע,
ביז צום פריילעכן פאָרט אָנגעקומען.
ער איז אַראָפּ אויף דער ערד דער הייסער:
„מיט וואָס וועל איך זיין דאָ פאַרנומען?

שוואַרצע ייִנגלעך זענען אים באַפאַלן,
געפּרוּווט נאָך די רענצלעך זיך יאָגן.
פרעמד זענען געווען פאַר אים אַלע,
נאָענט בלויז דער, וואָס די זאַכן געטראָגן.

ער איז נאָך אים בלויז נאָכגעגאַנגען
צום האָטעל דעם מאַטן.
איצט איז ער אַ זון פון אַלטן פאָרטיער
און ווײַנען געוואָלט: פריינט, טאַטע.

אַ שוואַרצע דינסט האָט מיט אויגן געפינטלט,
געפּרוּווט צו אים שמייכלען, לאַכן,
געבראַכט ווי געוויינלעך וואַסער,
און ער איז פאַרבליבן אַליין מיט די זאַכן

און געקלערט: „אויף אומקערן זיך אַהיים,
מוז איך ווידער פאָרן דורך וואָכן לאַנגע,

איבער שרעקלעכע, שוימיקע ימען,
ווו ס'איז געווען וווּנדערלעך און באַנג מיך.

נאָר איך מוז, איך מוז זיך אומקערן,
ס'איז אַ ליגן, אַז די היים איז די וועלט!
מיין היים איז דאָס הייפּל, דאָס גרויע,
וואָס שוין אַזויפיל יאָרן מיר פעלט!

דאָרט טונקלט אַצינדער, רעגן, גרויער אַפּריל
נאַסע קאַשטאַנען.
און דער טרויעריקסטער אויף דער וועלט
איז ער פאַרן פענסטער געשטאַנען.

מיין פעטער דער לאַנדשטורמיסט

מיין פעטער דער לאַנדשטורמיסט

אין שטעטל סאַסאָוו האָט זיך די מלחמה אָנגעהויבן נאָך העט, העט פאַרן חודש אויגוסט, 1914. פלוצים, אָן אַ פאַרוואָס, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ העליש פייער. די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען צווישן די שטעטלדיקע יידן־פּאָליטיקער, דער עיקר אין די בתי־מדרשים. און גע־וועזן זענען אין סאַסאָוו פאַרשידענע צדדים. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז קיין שלאַכט וועט בכלל נישט פאַרקומען:

— מען וועט נישט דערלאָזן צו קיין שלאַכט.

— ווער וועט נישט דערלאָזן?

— די וועלט וועט נישט דערלאָזן! יאָ, די וועלט וועט נישט דערלאָזן.

אונטערן וואָרט די „וועלט" פלעגט שטיין אַ נישט געזעענע מאַכט. אַ סך קיסרים מיט גרויע קלוגע קעפּ, מיט רחמנות אויף זייערע אונ־טערטאַנען.

די יידן־שלאַכטיסטן האָבן אָנגעהויבן אויסרעכנען, ווו די שלאַכט וועט אויסברעכן און ווער מיט וועמען ס'וועט גיין. אַ טייל האָבן גע־האַלטן, אַז דייטשלאַנד וועט נישט גיין מיט עסטרייך, די אַנדערע ווידער, אַז דווקא דייטשלאַנד מוז זיך פאַרבינדן מיט פראַנץ יאָזעפן, ווייל אין ווין און בערלין רעדט מען דאָס אייגענע לשון.

די פּאָליטיקער האָבן געוויינלעך אַלץ אויסגעמאָסטן אויף דער האַנט. דער מעסטער פלעגט אָנווייזן אויפן פלאַך פון דער האַנט: — אָט דאָס איז רוסלאַנד, נעמט עסטרייך (וואָס איז באַצייכנט געוואָרן דורך די פינגער) און דעקט צו די מאַסקאַלעס און אַלץ איז אויס! דערביי פלעגט ער פאַרמאַכן די האַנט.

די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן ברענגען אַלץ מער און מער ידיעות.

ס'איז געווען נאָכן אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ אויפן עסטרייכישן קרוינ־פרינץ פראַנץ פערדינאַנד. דערצו האָט זיך אין מיטן העלן טאָג באַוויזן אויפן הימל אַ מאָדנע געשפענסט. קינד און קייט האָבן געקוקט דורך שוואַרצע שטיקער גלאָז און געזען אַ פייערדיקן בעזים. ביי אַלעמען אין די הערצער איז אויפגעגאַנגען אַ גרויל. די ווייבער האָבן זיך פאַרופן אויף די פויערים:

— די גויים זאָגן, אַז ס'איז אַ שלעכטער סימן.

שטענדיק אין פאַלן פון שטאַרקע היצן, קעלטן אָדער פאַרשווע־מונגען, פלעגט מען זיך אין סאַסאָוו פאַרופן אויף די גויים.

איצט איז פאַר די מיליטאַריסטן אין שטעטל שוין קלאָר געוואָרן, אַז די מלחמה מוז אויסברעכן. צווישן די הייסע מלחמה־אָנהענגער האָט זיך אויסגעצייכנט לוי פליט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין מאַרק צווישן די יידן און געשריגן:

— אַן עק, אַ סוף. וואָס ס'דאַרף זיין, זאָל זיין. אַז ס'וועט אויס־ברעכן די מלחמה, בין עך דער ערשטער פרייוויליקער... נישקשה, אונזער פראַים יאָסל קען זיך נאָך זיין שטעטל אַליין באַשטיין... נאַדיר גאָר סערביע... אויך מיר אַ שטאַרקער...

די פליטעכע פלעגט אים נאָכגיין פיס־טריט. כלומרשט געגאַנגען אין מאַרק אַריין איינקויפן, אָבער שטענדיק זיך אַריינגעמישט: —

— לוי, זיי דעך נישט מרגז. וואָס גייט דיר אָזוי אין לעבן? וועסט האָבן דערפון פרנסה?

לוי דער פאָליטיקער, פלעגט זיך נישט אָפשרעקן פאַרן ווייב אפילו:

— יידענע, ווער האָט נאָך דיר באַפוילן? סערביע וועט מיר אויך זיין אַ שטאַרקער...

ס'איז געשען אין אַ פרייטאָג, סוף יולי, 1914. דעם פרייטאָג וועט סאַסאָוו נישט פאַרגעסן. ווי אַ דונער איז אין שטעטל אַראָפּגעפאַלן די ידיעה: רפאל האָט באַקומען אַן איינבאַרופונגס־קאַרטע.

די ידיעה איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל. פון דער געמיינדע

זיך באַלד אַריבערגעטראָגן אין מאַרק און פון דאָרט אין יעדער שטוב באַזונדער. ווייבער האָבן איבערגעלאָזט די ברענענדיקע אויוונס, די איינגעדעקטע דייזשעס טייג און זיך געלאָזט צו רפאלן אַ היים.

די בשורה צו אונז אין שטוב האָט געבראַכט מיין עלטערער ברודער. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב, אָן אַ אָטעם, און באַלד אויף דער שוועל דערציילט:

— מאַמע, דעם פעטער רפאל איינגערופן.

מיין מאַמע האָט פונקט געהאַלטן אין אַרומגלעטן אַ ברויט אויף דער לאָפּעטע אויף אַריינצושיבן עס אין אויוון. אַ צעפלאַמטע איז זי אַרויס פון דער שטוב און זיך געלאָזט לויפן צו דער מומען. אויפן וועג האָט די מאַמע אַלע מאָל איבערגעחזרט: — אַ וויי־טאָג איז רויזען מיט די זיבן פיצלעך ווערים.

די קאַלטאָוער גאַס, וווּ ס׳האָט געוווינט מיין פעטער, איז געווען פול מיט מענטשן. אין שטוב איז געשטאַנען מיין פעטער און געהערט ווי בעריש שרייבער לייענט די איינבאַרופונגס־קאַרטע: „אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט קייזער און קעניג פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, ווערט דער קייזער אונד קעניגלעכער לאַנדשטורמיסט רפאל האַלצמאַן איינ־באַרופן צו מעלדן זיך אין בעצירקשטאַטס־הויפּט־קאָמאַנדאָ״...

אַז בעריש שרייבער האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט די מומע רויזע פאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריגן: — געקוילעט מיט אַ שטומפּיק מעסער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם אויסגעשריי. איך האָב נאָר געזען, ווי מיין מאַמע ווישט זיך די אויגן און טרייסט די מומען:

— נאַר איינער, וואָס ווינסטו? מען שיקט אים דען אין דער שלאַכט אַריין?

ביסלעכווייז האָט זיך די שטוב אָנגעהויבן אויסליידיקן. די מומע איז געבליבן זיצן אַ פאַרוויינטע אויפן באַנק־בעטל. מיין מאַמע מיט גענענדל דער שכנטע, האָבן געהאָלפן אַרויסנעמען דאָס ברויט פונם אויוון און געטרייסט מיין מומען:

— זע נאָר דעם שטאַרקן, מיין גיבור... ווען מ׳עט נעמען אין

שלאַכט אַריין... אַזוי לאַנג זאָל דויערן דער יידישער גלות, ווי לאַנג רפאל וועט זיין אַ זעלנער...

דער פעטער האָט שוויגנדיק פאַרלאָזט די שטוב. זיך געלאָזט צו דער שטאַל אויסבעטן די בהמות. מיר, דאָס קליינוואַרג זענען נאָכגע־גאַנגען, פריילעך געשפּרונגען אין גאָרטן און זיך געדראַפּעט אויפן פּלויט. איציק דעם פעטערס האָט מיר אַלע ווײַלע אַרויסגעשטעקט די צונג:

— אבע־ע, מיין טאַטע איז אַ זעלנער...

מיין פעטער איז געווען אַ בהמה־סוחר. ער פלעגט אָבער קויפן אַנדערע זאַכן אויך: תבואה, הינער, קלאָטשע, פעלעכער, פוטער און אייער. צו מיין פעטער האָבן געהערט דריי דערפער: אָפּאַק, מיידאַן, פּאָפּערניע. די דערפער זענען איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיין טאַטן הערשעלע טאָוואַרניק. די בהמות־סוחרים האָבן דערפון געוווסט און קיינמאָל זיך נישט געוויזן אין רפאלס דערפער. אַלע יאַלעווקעס, קעלבלעך, הינער און אַנדערע סחורות פלעגן דורכגיין דורך די הענט פון מיין פעטער.

די שטוב ביי רפאלן איז געווען די סטאַנציע פאַר אַלע פויערים. דער עיקר פריילעך איז געווען זונטאג אינדערפרי, ווען די פויערים פון יענע דערפער פלעגן גיין אין קלויסטער. ביי דער מומען פלעגט מען זיך איבערטון. די פויערטעס און שיקסעס פלעגן אָנטון הויכע, יוכטענע טשיזשמעס אויף זייערע באָרוועסע, פאַרשטויבטע פיס. די פאַרביקע טיכלעך מיט לאַנגע פראַנזן אויף די קעפּ. קליינע באָרוועסע שקצימלעך, אָנגעטון אין לאַנגע הויזן, האָבן נאָכגעטראָגן פאַטשיילעכלעך מיט ברויט און האַרטע אויער.

זונטאָג אינדערפרי איז ביי רפאלן אין שטוב געווען לעבעדיק. אויף די בעטן זענען געלעגן אויסגעלייגט פאַרשידענע קאָלירטע טיכ־לעך, פלעטלעך און שאַלן. די מומע פלעגט אומגיין אַ ברוגזע מיט אַ צוגעשפּיצטער נאָז, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט דינע רעדעלעך קאַר־

טאָפּל. דער פּעטער האָט זיך באמת וואָס מער מהנה צו זיין זיינע פּויערן און אַלע ווילע אַ זאָג געטון צו דער מומען:

— זיי מקרב דעם הויכן אויפן באַנק־בעטל... אַ ווילער ערל... נאָסן דעם ילד אַ שטיקל ווייס...

די פּויערים פלעגן רופן דעם פּעטער „נאַש ראַפאַלקאַ". אין די דערפער פלעגט ער יעדן פּויער באַזונדער אָנרופן ביים נאָמען, געוואוסט וויפל קינדער יעדער פון זיי האָט און ווי אַזוי זיי הייסן.

דער פּעטער פלעגט אַרויספאָרן פון דער היים מאָנטאָג אין דער פרי און טייל מאָל צוריקקומען ערשט אויף שבת. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך זוימען לענגער אַ טאָג, איז די מומע געקומען צו אונז מיט אַ געוויין:

— וואָס זאָגט איר דערצו? רפאל איז נאָך נישט צוריקגעקומען...

מיין מאַמע פלעגט דער מומען אויסרעדן מיט גוטע רייד:

— ווייסעך וואָס, ס׳קומט אַמאָל אויס... דער מענטש ווייסט נאָר ווען ער פאָרט אַרויס...

דער פרייטאָקדיקער טאָג איז געווען אומרויק. די ווייבער האָבן זיך פאַרשפּעטיקט מיטן אויסגעלן די ערד. די קינדער זענען נישט געגאַנגען אין חדר אַריין. ביינאַכט האָט מען אין בית־מדרש אַרומגערינגלט דעם פּעטער, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פון יענע צייטן, ווען ער האָט געדינט אין מיליטער. ער האָט דערציילט די מעשה פונם קאַפּראַל, וועמען ער האָט מיט איין פּאַטש אויסגעהאַקט דריי ציין און דערפאַר געזעסן אַ חודש צייט אין אַרעסט. ער האָט דערציילט פונם מאַנעווער, אויף וועלכן ס׳איז בייגעווען דער קרוינפּרינץ אַליין.

רפאלס מעשיות האָט שוין יעדער געקענט אויף אויסנווייניק, נאָר איצט האָט מען אים פונדעסטוועגן אויסגעהערט, פּונקט ווי ער וואָלט זיי דערציילט צום ערשטן מאָל.

שבת, דעם ערשטן אויגוסט, איז סאַסאָוו אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ פרישער ידיעה. נאַראָלסקי, דער פּאָליצייניק, איז געשטאַנען אײַנ־מיטן מאַרק און מיט זיין לאַנגן מעשענעם טרומייטער צונויפגערופן

דאָס שטעטל. ווען אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט ביים ראַטהויז, האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען: „אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, ווערט דערקלערט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. מענער פון 21 ביז 40 יאָר דאַרפן זיך מעלדן אין דער קאָמענדע".

נאַראָלסקי האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען און אַליין צוגעגעבן:

— טאַק, טאַק פאַנאָוויע, מען וועט איבערלאָזן די ווייבלעך און מ'וועט מאַכן פיף־פאַף.

פאַר דער מאָביליזאַציע האָט מען זיך אין סאַסאָוו נישט געשראָקן. אין שטעטל זענען נישט געווען קיין אַסענטירטע. די אָרעמע, שטאַרקע יינגען, פלעגן פאַר יעדער מוסטערונג זיך אַוועקלאָזן קיין אַמעריקע. די רייכע האָבן געהאַט מזל, און מען פלעגט זיי שטענדיק באַפרייען...

דער איינציקער אויסגעדינטער יידישער זעלנער אין סאַסאָוו איז געווען מיין פעטער רפאל. דעם זעלבן טאָג טאַקע האָט ער באַקומען אַ באַפעל זיך צוצושטעלן קיין זלאָטשעוו.

נאָכן דאַוונען האָט זיך מיין פעטער געלאָזט קיין זלאָטשעוו. מיר, דאָס קליינוואַרג, זענען אים נאָכגעלאָפן אויפן זלאָטשעווער שטראָז. הינטערן שטעטל, ביים גרויסן הילצערנעם צלם, האָט אונז דער פעטער אַהיים געטריבן.

פאַרנאַכט האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל, קינד און קייט, געלאָזט אַנטקעגן גיין רפאלן. אַדאַמסקי דער בריוו־טרעגער, וואָס איז געקומען פון זלאָטשעוו, האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען מיין פעטער אָנגעטון אין אַ זעלנערישן מונדיר. דער בריוו־טרעגער האָט טאַקע נישט אָפּ־גענאַרט. פונדערווייטנס האָבן מיר דערזען דעם פעטער. ער איז געווען אָנגעטון זעלנעריש, אין אַ גרויען מונדיר; אויפן קאָפּ אַ הויך היטל מיט אַ צעבויגענעם דאַשעק. אויפן אָרעם האָט מיין פעטער געטראָגן אַ לאַנגע ביקס ווי אַ קאָטשערע. אין דער רעכטער האַנט — אַ טלומיקל ציוויל־קליידער.

מיטן פעטער צוזאַמען זענען אויך געקומען די דריי קריסטלעכע לאַנד־שטורמיסטן פון סאַסאָוו: קולטשינסקי, מאַלעצקי און מיקיטאַ. אַלע פיר האָבן געשפּאַנט אין צווייַ רייען, מעשה מיליטער. דאָס איז גע־

ווען דאָס ערשטע מיליטער אין שטעטל. ביים הויז פון לייביש מייטעס האָבן זיך די מאַרשירנדיקע אָפּגעשטעלט. זיי האָבן נישט געקענט דורכ־גיין דעם שטראָז, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון מענטשן. זיי האָבן גע־שפּאַנט אויסגעשטרעקט, שטייף און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט אפילו.

אויף אַלע שאלות האָט מיין פעטער געענטפערט:

— מיליטער־געהיימניס...

די מומע און די מאַמע זענען נישט אַנטקעגנגעגאַנגען דעם פעטער, זיי זענען געזעסן אין שטוב אויפן באַנק־בעטל און זיך געשעמט דעם קאָפּ אויפהויבן.

איצט איז סאַסאָוו געווען אין מלחמה־צושטאַנד. זונטאָג אינדערפרי האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, וועגן דעם באַפעל, וואָס די פיר לאַנדשטורמיסטן האָבן באַקומען אין זלאָטשעוו. מיין פעטער האָט דערציילט דער מומען, זי — מיין מאַמען, מיין מאַמע האָט זיך געסודעט מיט דער שכנטע פעשע און באַלד האָבן אַלע געוווּסט: רפאל מיט די איבעריקע לאַנדשטורמיסטן וועלן היטן אַלע וועגן אַרום שטעטל.

דורך סאַסאָוו האָט נישט מאַרשירט קיין מיליטער. דאָס שטעטל איז געלעגן ביי דער זייט פון הויפּט־טראַקט, וואָס פירט צו דער רוסישער גרענעץ הינטער בראָד. פון צייט צו צייט פלעגט דורכפאָרן אַ פעלד־קיך מיט עטלעכע זעלנער. איינמאָל זענען אפילו אָנגעקומען דריי זעלנער מיט רעדלעך דראָט, זיך אָוועקגעלייגט הינטערן שטעטל און אריינגע־שריגן אין אַ טרובע:

— האַלאָ, האַלאָ, דאָ רעדט די פעלד־וואַך.

פאַר אונז קליינוואַרג האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אַלע ווײַלע האָבן מיר אָנגעמאָסטן דעם פעטערס זעלנערישע היטל. ס'איז אונז אַריבערגעפאַלן איבער די אויגן. די ביקס איז געשטאַנען אין ווינקל ביים אויוון, דאָרט ווו ס'שטייען די קאָטשערע און לאָפּעטע. מיר פלעגן זי באַקוקן פונדערווייטנס. דער פעטער פלעגט זי נישט לאָזן אָנרירן און אַלע ווײַלע זיך צעשרייען:

— ניטע זי וועט אויסשיסן!

מיר פלעגן זיך אָבער פאַרגנבענען און גלעטן די ביקס, דער עיקר ציען דעם רימען און פּרוּוון דאָס „צינגל״.

אַלע חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן חברן מיטן פּעטערס קינדער. פּאַר אָנמעסטן דאָס זעלנערישע היטל פלעגן מיר נעמען איין גרויסן קנאָפּ און איין הויזן־קנעפּל. דאָס אַלץ פלעגט געשען, ווען דער פּעטער איז געשלאָפן אויפן באַנק־בעטל. איך און דעם פּעטערס ייִנגל שלום, האָבן זיך געמאַכט אַ טעלעפאָן, צו אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן צוויי קאָנסערוון־פּושקעלעך און אין זיי אַריינגעשריגן:

— האַלאָ, האַלאָ, שלום, דאָ רעדט די פעלד־וואַך!

סאַסאָוו איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אומרויִקער. אין מאַרק האָט מען זיך אַלץ ווייניקער געזאַמלט. לוי פליט דער פּאָליטיקער, האָט זיך נישט געמאָלדן פרייוויליק. אין די ערשטע טעג נאָך דער מאָביליזאַציע האָבן אים שטאַרק אָנגעהויבן צו דערקוטשען די מערידן און ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. אין די שטיבער האָט מען זיך אָנ־געהויבן סודען. איינער פאַרן צווייטן האָט מורא באַקומען אַ וואָרט אַרויס־צורעדן. בערעלע בעל־עגלה, וואָס איז געקומען פון זיין נסיעה, האָט דערציילט, אַז הינטער בראָד הערט מען שיסן. פונדעסטוועגן זענען אַלע געווען ביי דער מיינונג, אַז די שלאַכט וועט דויערן העכסטנס צוויי וואָכן. יאַנקל ברענער דער געמיינדע־ראַט האָט געהאַלטן אין איין פאָנפען:

— די וועלט איז נישט הפקר... מ׳וועט נישט דערלאָזן, מיר נישט, דיר נישט, אויסהרגענען מענטשן...

אַלעמענס אויגן זענען אָבער געווען געווענדט צו מיין פּעטער: — וואָס זאָגט רפאל? וואָס קלערט רפאל?

אָבער ער, דער לאַנדשטורמיסט, האָט אין די ערשטע טעג אָנגע־נומען אַ מויל מיט שוויגעניש. נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט וועגן דער שלאַכט.

דער פּעטער איז געבליבן אין סאַסאָוו. ער האָט געהיט דעם פּאָד־האָרצער וועג. געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער בריק פונם טייכל

הינטערן שטעטל. אין די ערשטע טעג, ווען רפאל איז אַרויס מיט דער ביקס זענען אים נאָכגעלאָפן אַלע קינדער פונם חדר. ער פלעגט שמייכלען אין די וואָנסן און אפילו צולאָזן די קינדער נאָענט צו זיך. שפּעטער זענען אָבער די חברה געוואָרן חוצפּהדיקער און אָנגעהויבן זינגען אַ לידל:

איקס, מיקס, דריקס,
רפאל מיט דער ביקס.

פון דעם לידל פלעג איך האָבן עגמת־נפש, אָבער פונדעסטוועגן מיטזינגען מיט אַלע חדר־ייִנגלעך.

מיר האָבן אויפגעהערט צו גיין אין חדר אַריין. פון דער היים פלעגן מיר אַוועקגיין כלומרשט מיט דער דעה צו גיין צום רבי'ן, אָבער שטענדיק האָבן מיר פאַרקירעוועט צום טייך, וואו ס'איז געשטאַנען דער פּעטער. ביים טייכל פלעגן מיר אַראָפּוואַרפן די הייזלעך און אַריינשפּרינגען אין וואַסער. ס'איז נישט געווען טיף. דאָס טיפסטע אָרט איז אונז געווען ביז צום פּופּיק. מיר פלעגן שווימען נאַזנדיק, מאַכן נורקעס און בענקעלעך אין וואַסער. בעתן מאַכן אַ נורקע, פלעגט מען זיך אָפטמאָל אָנטרינקען מיט וואַסער, וואָס האָט געהאַט דעם טעם פון בלוט. דאָס טייכל פון דער שעכט־יאַטקע פלעגט אַריינפאַלן אין גרויסן טייך. נאָכן אַרויסקומען פונם טייך, האָט יעדער געטאַנצט אויף איין פוס, אַרויסצוטרייסלען דאָס וואַסער פון די אויערן.

דער פּעטער פלעגט אונז אַהיים טרייבן. ציילן אין אונז מיט זיין לאַנגער ביקס און אויסשרייען: — פּיף־פּאַף! מיר זענען אָבער כמעט דעם גאַנצן טאָג געלעגן ביים טייך. די מומע מיט מיין מאַמען פלעגן פאַרנאַכטצו קומען אונז אַהיימטרייבן און דערביי געשריגן: — פלאַץ־ייִנגען, אַ היים פופן!

רפאל האָט אָנגעהויבן האַנדלען אויף דער בריק. די פּויערים און פּויערטעס, וואָס פלעגן קומען פון פּאַדהאָרעץ האָבן פונדערווייטנס נאָך באַגריסט מיין פעטער:

— דזשען דאָברי, ראַפּאַלקו.

— דאַי באָזשע, יעוודאָכאַ.

דער שמועס האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן וועגן דער שלאַכט און באַלד איז מען איבערגעגאַנגען צום מסחר. דער פעטער פלעגט אַוועקשטעלן די ביקס ביי דעם פאַרענטש, אַרויסנעמען פון דער פויערטעס קיישל די הון און בלאָזן אין איר הינטן. ער פלעגט אויך אַהין אַריינשטעקן אַ פינגער און טאַפּן דאָס ביינדל פון דער הין. דער־נאָך האָט ער גענומען די הין אין איין האַנט, עטלעכע מאָל זי אונטער־געהויבן אויף צו כאַפּן די וואָג. לאַנג פלעגט מען זיך נישט דינגען. די פויערטעס האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר רפאל דעם זעלנער און שטענ־דיק בעתן דינגען זיך פאַרענדיקט:

— דליאַ וואַס, ראַפאַלקו, נאַי ווזשע בודע...

נאָכן אויסדינגען זיך, פלעגט מענדל דעם פעטערס אַהיימטראָגן די געקויפטע זאַכן.ביים איבערגעבן די סחורה האָט דער פעטער ליב געהאַט צו קאָמאַנדעווען:

— די הין אין שטייג אַריין, די פוטער און אייער צום אַפּטייקער!

אין סאַסאָוו האָט מען אָנגעהויבן מורמלען: ס'איז שלעכט... די מאָסקאַלעס האָבן פאַרנומען דאָס שטעטל לעשנעוו הינטער בראָד. אין די דערפער שעלטן די פויערים דעם קיסר פראַנץ יאָזעף. אונזער שכנטע מירל האָט אפילו דערציילט מיין מאַמען בסוד סודות, אַז ביי לאַנדס־בערג דעם פראָפּינאַטאָר פּאַקט מען זיך און מען האָט בדעה אַוועק־צושיקן די מיידלעך קיין בוסק, וואָס איז אַכט מייל פון סאַסאָוו.

אונזער שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן. מען איז גע־קומען פרעגן מיין מאַמען, וואָס מיר קלערן צו טון. מען האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיין מאַמע ווייסט מסתמא אַלץ פון רפאלן, ווי ס'האַלט ערגעץ מיט דער שלאַכט. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז מען אין שטעטל געוווּיער געוואָרן, אַז דער רבי האָט געשיקט רופן מיין פעטער, צוזאַמען זיך פאַרמאַכט אין אַ באַזונדערער שטוב און לאַנג, לאַנג מיט אים איינגע־טענהט. מען האָט אָנגעהויבן באַקומען דרך־ארץ פאַר רפאלן. נאָר יאָסעלע קעץ, דער נישט־פאַרגינער, האָט אַלץ אונטערגעפּאָנפּעט:

— ס'טי געזעץ, רפאל גוי זיך דערלעבט...

אויף צומאָרגנס האָט דער רבי צונויפגערופן עטלעכע חשובע באַלע־באַטים און זיי מודיע געווען: מען דאַרף זיך נישט פּאַקן.

נאָכן שמועס מיטן רבין האָט אויך רפאל אָנגעהויבן ווערן באַרע־דעוודיק און געהאַלטן אין איין שרייען:

— עך הייס נישט מורא האָבן... קיין בראַד האָט אָפּמאַרשירט אַ גאַנץ רעגימענט זעלנער מיט קאַנאָנען... נישט ביי זיין לעבן וועט פּאַניע אַריין אַהער... די פּאַדהאָרצער בערג וועלן נישט דערלאָזן...

אָט די בערג זענען ביי אַלעמען אין שטעטל געוואָרן די האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערן פון די קאַזאַקן. דער פּאַדהאָרצער באַרג איז, וואָס אַן אמת, געווען טאַקע אַ הויכער. די קאַטשעלקע אויף אויסצוגלייכן די שטראָזן פלעגט מען באַקיינע פאַל נישט קענען אַרויפציען אויפן באַרג. אין דמיון ביי די יידן איז איצט דער באַרג אויסגעוואָקסן און דערגרייכט די וואָלקנס. וועגן אָט דעם באַרג דערציילט מען אין סאַסאָוו אַ סך, אַ סך מעשיות. ער, דער באַרג, האָט שטענדיק אָפּגעהיטן דאָס שטעטל אין אַלע שלאַכטן. אפילו די טערקן און טאַטערן האָבן דאָרט געליטן אַ מפּלה. דערפאַר טאַקע האָט דער פּוילישער מלך סאָביעסקי זיך אויפגעבויט דאָרט אַ שלאָס.

מיין פעטער האָט אַלץ גערעדט וועגן פּאַדהאָרצער באַרג. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין די דערשראָקענע יידן:

— אַנו, וויזט מיר כאָטש איין באַלעגאָלע, וואָס זאָל נישט מוזן אַראָפּטרייבן זיינע פּאַרשוינען, פאַרנדיק אויף פּאַדהאָרצער שטראָז באַרג אַרויף... לאָמיר זאָגן, אַז די קאַזאַקן וועלן שוין דורכגיין מיט דער פּיעכאָטע, נו, ווזשע זענען עפּעס די קאַנאָנען? און אַ שלאַכט אָן קאַנאָנען איז קיין שלאַכט נישט...

רפאל איז אַלץ געשטאַנען ביי דער בריק, געהיט דעם וועג און געהאַנדלט מיט די פּויערים פון זיינע דערפער. ביינאַכט פלעגט ער זיך אַהיים כאַפּן, אָנגעטועגערהייט זיך אַנידערלייגן אויפן באַנק־בעטל און באַלד אַנטשלאָפן ווערן. אין אַזאַ נאַכט האָט די מומע קיין אויג נישט צוגעמאַכט. באַגינען, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען, פלעגט זי אויפוועקן דער פעטער:

— רפאל, שטיי שוין אויף, ס'טאָגט שוין... גיי צו דער וואַך...
מיין מומע איז געווען אַן איבערגעשראָקענע, שטענדיק מורא געהאַט פאַר אַ מסירה...

דערהערט דאָס וואָרט „וואַך" איז רפאל ווי אַ קאַץ פלינק אַראָפּ־געשפּרונגען פון דעם באַנק־בעטל. אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, זיך געוואַשן, אין איילעניש אָפּגעדאַוונט און זיך געלאָזט צו דער בריק.

וואַרעמעס פאַרן פעטער פלעגן מיר אַלע צוזאַמען אָפּטראָגן. כמעט יעדן טאָג דאָס אייגענע מאכל: אָנגעברענטע זופּ אָדער טייגלעך מיט קאַרטאָפל. טיילמאָל האָט נאָך די מומע צוגעגעבן אַ טעפּל געלן גרישיק. אַן אמתע שמחה פאַר אונז איז געווען דער שבת. איבער דער גאַנצער וואָך האָבן מיר געוואַרט אויף אָט דעם טאָג. אַרום זייגער עלף האָט זיך אַרויסגעלאָזט צום טייך די מומע מיט מיין מאַמען. זיי זענען געווען אָנגעטון אין זיידענע טיכלעך און אין שיינע טערקישע שאַלן. מענדל און איטשע האָבן געטראָגן דעם טשאָלענט, קוגל און לעבער מיט ציבעלעס. שלום און איך זענען נאָכגעפאָרן. שלום איז געווען דאָס פערד און איך פלעג אים ציען ביי די לייצעס, געסמאָטשקעט מיט דער צונג: טיאָ... טיאָ... טיאָ... פּירהאָ. שלום, דאָס פערד האָט אַלע ווילע זיך צע־הירזשעט: הע... הע... העע...

אַזוי זענען מיר נאָכגעפאָרן דער מומען מיט דער מאַמען ביז צו דער בריק.

דער פעטער האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס ביים דעם פאַרענטש, אָנגעגאָסן אַ בעכערל בראָנפן און הויך אויפן קול געמאַכט די ברכה. ביי די לעצטע ווערטער פון דער ברכה האָבן די ווייבער פרום געזאָגט: — אמן, הלוואי זאָל שוין פון היינט איבער אַכט טאָג זיין נאָך דער שלאַכט און רפאל זאָל שוין זיין אָנגעטון ווי אַ מענטש.

נאָכן עסן פלעגט מען זיך אַוועקלייגן אויפן גראָז, אין שאָטן פון די ביימער ביים ברעג טייך. שפּעטערצו איז אָנגעקומען אונזער גאַנצע משפּחה: העניע אייזיקס, חנה סאָבעס, פּעשע מאַליעס. נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט דאָס קליינוואַרג. די פּאַשע איז געוואָרן פול מיט מענטשן. די ווייבער זענען געזעסן אינאיינעם, געסמאַקעט דאַרע האָניק־קיכלעך

און גערעדט פון אַלץ, וואָס ס׳איז זיי געקומען אין מויל אַריין. העניע איזיקס האָט אַלע ווײַלע טיף אַרויסגעקרעכצט:

— דער, וואָס איך בין נישט ווערט אָנצורופן זײַן נאָמען, זאָל שוין העלפן...

מיר פלעגן זיך שפּילן אין קאַמער־קאַמער־הויז, אין באַרג און לענ־דער, אין כאַפּערלעך. ביים לויפן אויף דער פּאַשע צעפּליאָשעט די פערד. געפּענטעטערהייט זענען זיי אַרומגעשפּרונגען און באַלד ווידער זיך גע־פּאַשעט, אַראָפּטרייבנדיק מיטן ווידל די בייזע, זשומענדיקע פליגן.

פאַרנאַכטצו האָט די גאַנצע משפּחה פאַרלאָזט די בריק. מידערהייט איז מען געגאַנגען אַ היים און זיך געזעגנט:

— אַ גוטע וואָך, רפאל!

— אַ גוט יאָר!

רפאל איז געבליבן אַליין אויף דער בריק. געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אין דער ווייט און געזען, ווי די שויבן און האָורילעס כאַטע ברענען פון דער פאַרגייענדיקער זון. אויפן וואַסער האָבן די קאַטשקעס צעפּאָכעט דעם פאַרנאַכט און מיט אַ געגאָנערייַ זיך געלאָזט שווימען לענג אויס דעם טייך.

זונטאָג אינדערפרי האָט מיך די מאַמע אויפגעוועקט. איך האָב געהערט אַ שיסערײַ און זשומערײַ, ווי מען וואָלט אינדערוויטנס גע־גרעגערט מיט אַ סך גרעגערס. מײַן ברודער האָט דערציילט:

— אַן אַעראָפּלאַן פון די מאָסקאָלעס. רפאל מיט די איבעריקע לאַנדשטורמיסטן שיסן! דאָס שיסערײַ האָט לאַנג נישט געדויערט. מיר זענען אַרויסגעלאָפן צום טייך. דער פעטער האָט אונדז אַהיים גע־טריבן. אַ גאַנצן טאָג האָט דאָס שטעטל געזעשט. ערשט פאַרנאַכטצו איז מען געוויר געוואָרן, אַז דער אַעראָפּלאַן איז געווען אַן עסטרייַ־כישער... ס׳איז געווען דער ערשטער אַעראָפּלאַן וואָס איז געפלויגן איבער סאַסאָוו.

שפּעט בײַנאַכט האָט מען זיך דערוואוסט: אין שטעטל זענען אָנ־געפאָרן ייִדישע משפּחות פון טיסמעניץ. זיי זענען אַנטלאָפן פון די

מאָסקאַליעס. איבער דער גאַנצער נאַכט האָט מען ביי אונז קיין אויג נישט צוגעמאַכט. שטייענדיק אויף אונזער גאַניק האָט מען פון צייט צו צייט געהערט אַ שוואַך שיסעריי, ווי פון דער ווייטנס וואָלט מען געקלאַפּט אין ליידיקע פעסער.

רפאל איז אין אַט דער נאַכט נישט געשלאָפן אינדערהיים. אינדער־פרי האָט אים די מומע אַליין אָפּגעטראָגן אַנבייסן. מיין מאַמע איז מיט־געגאַנגען. מען האָט זיך געסודעט לאַנג, לאַנג און אַלע ווײַלע האָט דער פעטער אויסגעשריגן:

— עך הייס נישט מורא האָבן. די פּאָדהאָרצער בערג...

מיטאָג־צייט האָט סאַסאָוו אויפגעלעבט. קינד און קייט זענען געלאָפן אין מאַרק אַריין מיט אַ געשריי: — פּלאַזירטע קאָזאַקן.

ביים ראַטהויז איז געשטאַנען אַ פור. אויף דער קעלניע זענען גע־זעסן צוויי עסטרייכישע זעלנער. אויף די אַרבל פון זייערע רעקלעך — רויטע צלמים. אין דער פור זענען געזעסן דריי קאָזאַקן מיט באַנדאַ־זשירטע הענט און פיס.

די פריילעכקייט ביים עולם איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. יאָשע שורץ האָט מיט זיי גערעדט און אַלע ווײַלע איבערגעגעבן צו די פאַרזאַמלטע: — דאָנסקע קאָזאַקען... די אמתע פיינע לייט... פּלאַ־זירט געוואָרן ביי לעשנעוו.

משה אייזנברוך דער פּאַטריאָט האָט זיך געשטופּט צום וואָגן. ער האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויף די דראַבינעס, אַנגעקוקט מיט אַ שמייכל די פּלאַזירטע קאָזאַקן און גערעדט צו זיי אויף פּראָסט יידיש:

— ס'האָט זיך אייך פאַרגלוסט צו פאַרטשעפּן מיט אונזער קייסער... אָבער איר האָט די מפלה...

די פרייד אין סאַסאָוו איז אָבער גיך אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ טונקעלע כמאַרע האָט פאַרדעקט דאָס שטעטל. איינער דעם צווייטן האָט זיך איבערדערציילט מיט אַ שוואַכן קול ווי ביי אַן אָבל: — בראָד איז געפאַלן.

די בשורה איז געקומען אומגעריכט. מען האָט בשום אופן נישט

געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי עסטרייך האָט דערלאָזט, אַז די קאָזאַקן זאָלן איינעמען אַזאַ מין שיינע שטאָט.

מיין מאַמע מיט דער מומען זענען באַלד אַוועק צום פעטער ביי דער בריק, דערציילן אים וועגן בראָד און פרעגן אַן עצה. פון דער ידיעה איז ביים פעטער ווייס געוואָרן דער שטערן. די וויעס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט גענומען שפּאַנען אויף דער בריק אַהין און צוריק און געשריגן ווי נישט מיט זיין אייגן קול:

— עך הייס נישט מורא האָבן...

אינמיטן דער נאַכט זענען אָנגעפאָרן אין שטעטל אַנטלאָפענע יידישע משפחות פון בראָד. זיי זענען געבליבן אין מאַרק אַנצופאָיען די פערד. זיי האָבן בדעה געהאַט צו פאָרן ווייטער. זייער ווע̇לן אַוועקפאָרן האָט נאָך טרויעריקער געמאַכט די יידן פון סאַסאָוו. בסוד סודות האָבן די אַנטלאָפענע דערציילט, אַז די דערפער זענען פול ניט מאָסקאַלאָפילן. אַז ווען די קאָזאַקן זענען אַריין קיין לעשנעוו האָבן די דאָרטיקע פויערים גענומען דאָס בילד פון דעם קייסער פראַנץ יאָזעף, אויסגעשטאָכן דע־רין די אויגן און אַזוי עס געטראָגן איבער די גאַסן. אין בראָד האָבן די קאָזאַקן דערשטאָכן אַ סך יידן... אומעטום זוכן זייערע מענטשן עסטרייכישע זעלנער: אין די בעטן, אין די טיש־קעסטלעך און אפילו אין אַ פּודעלע שוועבעלעך.

די שרעק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מען האָט געהערט דאָס שיסעריי אין מיטן העלן טאָג. ביינאַכט האָט מען נישט געקענט אַנטש־לאָפן ווערן. איינער ביים צווייטן האָט געפּרוווט דערגיין, וואָס ער קלערט צו טון. מען האָט נאָכגעקוקט דער מומען און מיין מאַמען. זיינוול צוקערקאַנדל האָט געהאַלטן, אַז אין סאַסאָוו איז מען טאַקע זיכער, אַז רפאל זאָגט — נישט קיין מורא האָבן, דאַרף מען טאַקע נישט מורא האָבן. אָבער פונדעסטוועגן וואָלט נישט געשאַדט אַוועקצושיקן די מיידלעך קיין בוסק.

אויף אונז קליינוואַרג האָט מען זיך וויניק וואָס אומגעקוקט. אין חדר איז מען שוין פון לאַנג נישט געגאַנגען. די מאַמעס און טאַטעס זענען געשטאַנען אין מאַרק און זיך געסודעט. צום טייך האָט אונז דער

פעטער נישט צוגעלאָזט. ער איז געווען בייז, כמעט שטענדיק גע־טראָגן אויפגעהאָנגען די ביקס אויפן אַקסל. באַדן זיך האָט מען נישט געלאָזט. אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז די וואַסערן זענען פאַרסמט.

ביינאַכט האָט די מאַמע מיך געגלעט, מיינענדיק, אַז איך שלאָף. זי איז אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צו מיין געלעגער און מיך איינגעטוליעט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. מיין מאַמע איז געשטאַנען לעבן מיר און געריעדט: — מיין שעפעלע, נעבעך... ווער ווייסט, ווו מיר וועלן מאָרגן אָנשפאַרן?

די פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען. די טירן פאַרריגלט. די מאַמע, די שוועסטער און דער ברודער, האָבן צונויפגעפאַקט דאָס בעט־געוואַנט אין גרויסע זעק און זיי פאַרנייט מיט אַ לאַנגער זאַק־נאָדל. די שבתדיקע קליידער, דער מאַמעס פלושענע יאַקע מיט די בליי־רעד־לעך האָט מען פאַרפאַקט אין אַ באַזונדער פעקל. דעם מעדאַליאָן, די גילדענע חתונה־פינגערלעך, די זילבערנע בעכערלעך, האָט די מאַמע אַריינגעלייגט אין אַ קליין זעקעלע. זי האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן און אַלע ווײַלע איבערגעחזרט: ווער ווייסט, צי ס׳וועט זיין אויף הוצאות.

מער האָב איך נישט געהערט. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן. אין חלום האָב איך געזען, ווי די זעק בעטגעוואַנט קאַטשען זיך אַראָפּ צום טייך צו, ווו סע שטייט מיין פעטער. די מאַמע מיט דער מומען וויינען און דער פעטער שרייט: — עד הייס נישט מורא האָבן. זיי וועלן נישט אַריין.

אינדערפרי זענען די בעטן אין אונזער שטוב נישט געווען צו־געבעט. די שטרוי־זעק זענען געלעגן אָן ליילעכער און מען האָט פון זיי אַרויסגעזען דאָס שטרוי. אין דער צעפראַלטער שאַפע איז געהאָנגען אַן אַלטע בורקע. זי האָט אַליין זיך געהוידעט אין דער ליידיקער שאַפע. אין דרויסן פאַר אונזער טיר איז געשטאַנען מאיר קוגלס לאַנגע פור.

מען האָט געהערט אַ שיסעריי. סאָסאָוו האָט שוין געוווסט, אַז די מאָסקאַלעס זענען אין דאָרף קאַלטעוו. מיין פעטער איז שוין נישט גע־שטאַנען ביים טייך. דינסטאָג דעם 30טן אויגוסט פאַרטאָג האָבן די לאַנד־

שטורמיסטן צעבראָכן די בריק. אין טייך זענען געבליבן שטיין די קלעצער.

איצט זענען אַלע פיר לאַנד־שטורמיסטן געווען אינאיינעם. זיי זע־נען געשטאַנען אויפן קאַלטאָוועך וועג ביי חנה־גרשון־מאירס הויז הינטערן שטעטל. דאָרט האָבן זיי פאַרשאַנצט דעם וועג — אַוועקגע־לייגט אין מיטן שטראָז צוויי בראָנעס, צוויי אַקעראייזנס און אַ קאַרטאָפּל־היטשקע.

רפאל מיט די איבעריקע לאַנד־שטורמיסטן האָבן געוואַכט אויפן קאַלטעווער וועג.

מיר האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן סאַסאָוו. די מומע מיט די קינ־דער און מיר האָבן געדונגען איין פור. ס׳איז געווען אַ לאַנגע פור מיט הויכע דראַבינעס. ביי דער קעלניע האָט זיך געבאָמבלט אַ ברייטע פּוטניע אויף צו פּאָיען די פערד.

ארום אונזער טיר זענען געשטאַנען די שכנים. מען האָט זיך גע־זעגנט, געפאַלן זיך אויף די העלזער און זיך צעקושט. מיטן פעטער האָט מען זיך געזעגנט הינטער דער שטאָט, דאָרט, ווו ער איז גע־שטאַנען אויף דער וואַך. איך בין געבליבן זיצן אויף דער פור און געצויגן די לייצעס. ווען מיין מאַמע און די מומע זענען צוריקגעקומען האָבן זיי געהאַט פאַרוויינטע אויגן.

אַלע ווילע זענען אָנגעקומען נייע מענטשן, באַלאַגערט די פור, גערעדט, געשריגן און זיך געסודעט. אונזער שכנטע פעשע האָט גע־האַלטן אין איין איבערחזרן:

— משוגענע מענטשן. פאָרן אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט, צו פרעמדע מענטשן... עך וואָלט מיין שטוב נישט איבערגעלאָזט אויף הפקר...

מאיר קוגל האָט געפּאַכעט מיט דער בייטש, צוגעטריבן זיך אויפ־צוזעצן און געשריגן:

— נו, נו, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף. שאַ טאַם טוט זיך...

מיר זענען שוין אַלע געזעסן אויף דער פור. מיין מאַמע האָט אי־

בערגעגעבן אונזער שכנטע מירל די שליסלען פון אונזער הייזל. מירל האָט גענומען די שליסלען, און טרערן האָבן געגלאַנצט אין אירע אויגן.

זיצנדיק שוין אויף דער פור האָט די מאַמע זיך נאָכאַמאָל גע־זעגנט:

— זייט געזונט... איך האָף צו זיין ליבן נאָמען, אַז פון היינט איבער צוויי וואָכן וועט שוין זיין נאָך דער שלאַכט.

די פור האָט גערירט. מיין מאַמע איז געזעסן פאַרטרויערט, דער קאָפּ אַראָפּגעזונקען און אַלע ווײַלע זיך געווישט די אויגן. מיין שוועס־טער האָט נאָך צום לעצטן מאָל געבעטן:

— מירל, פאַרגעסט נישט צו באַגיסן די וואַזאָנקעס אויף אונזערע פענצטער.

דורכפאָרנדיק דורכן בית־הקברות האָבן די ווייבער געבעטן:

— הייליקער צדיק ר׳ משה לייב סאַסאָווער, הייליקע נשמות, באַמיט אייך פאַר רפאלן און פאַר אַלע זעלנער.

הינטערן שטעטל האָט זיך צו אונז דערטראָגן אַ שיסעריי פון דער קאַלטעווער זייט. מיר, דאָס קליינוואַרג זענען געבליבן זיצן אַליין אויפן וואָגן. מיר זענען געפאָרן באַרג אַרויף און מאיר קוגל האָט באַפוילן די דערוואקסענע פאַרשוינענע אַראָפּצוגיין. אַ שטיקל וועג זע־נען מיר געפאָרן, געוואָרפן מיט די הענט אין דער לופטן און געשריגן: וויאָ, וויאָ. באַלד איז אָבער דאָס פאָרן דערעסן געוואָרן. מיר זענען אַראָפּ פונם וואָגן. איך האָב צונויפגעבונדן מיינע שיך און זיי פאַרוואָרפן אויפן אַקסל, געלאָפן אויפן שטראָז, זינגענדיק אַ לידל פונם חדר:

ענידע, מענידע, צודיקע בע
אָבו, פאַבו דאַמא דע

זיילן שטויב האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן וועג. פאַרנאַכט צו זענען מיר אָנגעקומען קיין זלאָטשעוו. אויפן לעמבערגער שטראָז זענען גע־ריטן אַ סך זעלנער. זיי האָבן געפאָכעט מיט די הענט צו די מיידלעך אויף די באַלקאָנען און געזונגען:

ווען די זאָלדאַטען דורך דער שטאָדט מאַרשירען...

אין שטאָט האָבן מיר זיך נישט אָפּגעשטעלט. אין דאָרף מיידאַן,

הינטער זלאָטשעוו האָט אונז דעריאָגט בערעלע באַלעגאַלע. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און סאָפּנדיק דערציילט:

אַ פּאַטראָל קאָזאַקן איז אַריין קיין סאַסאָוו. רפאל איז אַנטלאָפן. די איבעריקע לאַנדשטורמיסטן האָבן אַוועקגעוואָרפן די ביקסן און זיך אונטערגעגעבן.

אַ מינוט איז געווען שטיל. אַלע זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. מיין מומע האָט איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ געשריי: — אַ ווייטיק איז מי־א־א.

די פאַסטעכער אויף די לאָנקעס האָבן פונדערווייטנס נאָכגעקרימט:

— א וואקאַק אי־מיא...

פונדערווייטנס האָבן זיך געהויבן זיילן שטויב. די זיילן, ווי ריזיקע כוואַליעס האָבן זיך גערוקט אַלץ נענטער און אויף אונז אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אין דמיון האָב איך געזען: רייטנדיקע קאָזאַקן מיט ברייטע צע־שויבערטע בערד, מיט לאַנגע פּיקעס און נאַהייקעס. זיי יאָגן אָן גלייך אויף אונז מיט אַ געשריי: — יעווריי, סוקין סין.

דער שטויב האָט אָנגעכוואַליעט נאָענט צו אונזערע פורן. פונדער־ווייטנס האָבן מיר דערזען אונזער פעטער. פון אַלעמענס הערצער האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס איינציקע וואָרט: — רפאל!

דער פעטער איז געריטן אויף אַ פערד, אָן דער ביקס, אָנגעטאָן ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט פאָרן אין דאָרף אַריין. ער איז אַראָפּגע־שפּרונגען פונם פערד און אונז אַרומגעכאַפּט קושן. נאָכן צוקושן זיך האָט ער אָפּגעווישט דעם שווייס פונם שטערן און אָנגעהויבן דערציילן:

—אָבער נישט דורך די פּאָדהאָרצער בערג. דער פּאַטראָל איז אָנגעקומען דורכן קאַלטעווער וועלדל...

דעם פעטערס קול איז אַלע ווילע געוואָרן העכער:

— איך האָב אין דער ערד דעם צאַר ניקאָליי, פאַרבראָקט מיט אונזער קייסער פראַים יאָסל. נישט ביי זייער לעבן וועל עך מאַכן מיינע זיבן פּיצלעך פאַר יתומים...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מײַן פֿעטער געשוואַרצט די גרענעץ און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע. רויזע די זקנה, זאָגט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג, אַז ווען רפאל זאָל נישט געווען אַוועקוואַרפֿן די ביקס און אַנטלויפֿן פֿון סאַסאָוו, וואָלט עסטרייך נישט געווען פֿאַר־שפּילט די שלאַכט.